קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 228 פרשת בלק · תשפ"ד

וועלטליכע נייעס:
טראמפ איבערגעלעבט
אטענטאט פארזוך

מיטן א טיפערן בליק:
דער שלעגער איז דא

פאר די ברסלב'ע שטוב:
נאכיאגן די בהמות

א גרוס פון
מחנה אילן החיים

10 וואכן צו
אומאן ראש השנה
תשפ"ה

נייע ווינקל:
היכל הלכה
מיטן
דיין
שליט"א

בריוו צו רעדאקציע
איבער רבי משה גראס שליט"א
4


וועלטליכע נייעס
טראמפ גערעטעוועט געווארן
10

מיט א טיפערן בליק
דער שלעגער איז דא
22

די ברסלב'ער שטוב
נאכיאגן די בהמות
27

קינדער בלעטל
מעטציגע חודש'ליכע גורל
42

געשעענישן
א גרוס פון קעמפ
45

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

זמנים Liberty
בלק ז' תמוז תשפ"ד

הדלקת הנרות 08:10
מוצאי שבת 09:41

מנחה מעריב פנחס....09:20

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

מו"ה בנימין ווײלדי הי"ו
וזוגתו באשא תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

מו"ה דוד נײשטיין הי"ו
וזוגתו הינדא ריקל תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

וועטער

Fri 19	79°/56°		Mostly Sunny
Sat 20	81°/60°		Partly Cloudy
Sun 21	81°/59°		Partly Cloudy
Mon 22	81°/61°		Partly Cloudy
Tue 23	81°/64°		Showers
Wed 24	80°/63°		PM Thunderstorms
Thu 25	79°/62°		Scattered Thunderstorms
Fri 26	80°/61°		Scattered Thunderstorms

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

צוליב די גרויסע נאכפראגע טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

שבת גליונות מעגא פעקעדזש

אן ריכטיגע
עונג שבת
פאר די גאנצע משפחה

גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

IDEA. 8457269664

קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות , עצות און חיזוק

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

• עצתו אמונה • קרית ברסלב בלעטל • גליון היכל הקודש • גליון שיעורי חינוך

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3

אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

קרישקעלעך פון שבת נאך שבועות

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית בלעטל הי"ו.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט און זאגט כסדר ווי שיין די שטעטל איז, וואס פאר א טעם גן עדן מ'שפירט דא אין שטעטל, ווי מ'לעבט באחדות וכו', איינע פון די זאכן וואס דער ראש ישיבה טוט זיך אויף מיט די שטעטל איז דאס אז די משפחות אין שטעטל רופן די עלטערן אויף יום טוב אדער סתם אויף א שבת, דורכאויס דעם יום טוב פסח האט דער ראש ישיבה עטליכע מאל ארויסגעברענגט די שבח פון די משפחות וואס האבן אריינגענומען זייערע עלטערן אויף יום טוב, דער ראש ישיבה האט דאס זייער אויסגערימט.

עס איז אזוי אויסגעקומען אז איינער פון די חשוב'ע געסט האט געדאווענט דורכאויס די צווייטע טעג אינעם האשקי בית המדרש, זוכנדיג א גוטע פלאץ אין בית המדרש האט ער זיך וועקגעזעצט אויפן ראש ישיבה'ס פלאץ, דער ראש ישיבה האט זיין מקום קבוע אינמיטן בית המדרש ביי זיין באשטומטן פלאץ, אזוי אז ס'וואלט נישט געדארפט פאר עמיצן בייפאלן אז דאס איז דער ראש ישיבה'ס פלאץ. ווען דער ראש ישיבה האט דאס באמערקט האט ער זיך געזעצט ביי א צווייטע פלאץ און ער האט געווינקען אז מ'זאל נישט אויפשטעלן יענעם איד, נאר אים לאזן זיצן דארט באקוועמערהייט.

ביי איינע פון די שמועסן מיטן ראש ישיבה אויפ'ן וועג ארויף פון גן עדן התחתון, צו גיין דאווענען, האט זיך א אינגערמאן פון אנשי שלומינו אנגערופן צום ראש ישיבה מיט גרויס התפעלות, ווי איבערגענומען ער איז פונעם ראש ישיבה'ס גדלות, אז איינער האט זיך געזעצט אויפ'ן ראש ישיבה'ס פלאץ און דער ראש ישיבה האט מוותר געווען... און דער אינגערמאן האט צוגעלייגט אז ער האט דאס דערציילט פאר זיינע קינדער, אז דער ראש ישיבה איז נישט עומד על מידותיו, נאר איז מוותר און קוקט אוועק.

האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "דאס הייסט גדלות? ס'איז דא אנדערע זאכן וואס מ'קען רעדן פונעם ראש ישיבה'ס גדלות..." דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז איינער האט א פלאץ אין בית המדרש וואו ער דאווענט, און ער קומט אן אין שול און ער זעט אז איינער זיצט אויף זיין פלאץ און שטעלט אים אויף - איז ער א שוטה, (מ'רעדט ווען ער האט ערגעץ אנדערש וואו צו גיין, אבער אין הכי נמי, אין אומאן, אדער אין אן אנדערע פאל, וואס אויב ער וועט נישט האבן זיין פלאץ וועט ער נישט האבן וואו צו זיצן - איז עפעס אנדערש, האט דער ראש ישיבה אויסגעקלארט), על כל פנים, האט דער אינגערמאן געפרעגט: "פון וואס פאר א גדלות פון דער ראש ישיבה קען מען יא רעדן?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "אז דער ראש ישיבה רעדט שוין צוואנציג יאר די זעלבע דרשות, אן קיין שום שינוי; פשטות יהדות, זיך פרייען מיט די מצוות, מיט תפילין, שבת, און אזוי ווייטער, די דרשות האבן זיך נישט געטוישט לויט די יארגאנג אדער מדריגות - דאס הייסט גדלות..." ביי אסאך בעלי דרשנים טוישן זיך די דרשות לויט זייער יארגאנג אדער מדריגה, אבער דא רעדט מען די זעלבע דיבורים פון הייליגן רבי'ן און מוהרא"ש, אן קיין שום שינוי.

נאך איינע פון די שיעורים דורכאויס די טעג פון פסח איז מען צוגעקומען ארום דעם ראש ישיבה'ס פלאץ צו שמועסן שיינע ענינים, אזוי ווי דער ראש ישיבה פירט זיך אפט מאל נאך די שיעורים. עס איז געקומען דערצו אז עס איז געווארן א געדרענג און מ'האט זיך אנגעהויבן שטופן, האט דער ראש ישיבה געהייסן מ'זאל זיך צושפרייטן, זאגנדיג: "איך קען נישט דערליידן אז מ'שטופט זיך, איך וויל נישט מ'זאל ליידן וועגן מיר, אז מ'שטופט זיך גיי איך אפשטעלן דעם שמועס..."

ביי א צווייטע געלעגנהייט דורכאויס יום טוב, נאך א שיעור, ווען מ'האט געשמועסט, האט דער ראש ישיבה איבערגעזאגט וואס ער האט דערציילט ביי א שיעור, וואס ער האט געהערט פון זיין קרוב דער לימנובער רב שליט"א, אז דער הייליגער ריבניצער רבי זכותו יגן עלינו איז אמאל געווען אין סיגעיט אויף א שטיק צייט, און שבת האט ער געדאווענט ביי זיין פאטער אין בית המדרש, (רבי יקותיאל יהודה ב"ר צבי הירש מווייצן ז"ל, נפטר כ"ד אדר א' תשפ"ד), ווען מ'האט געהאלטן ביי כגוונא, האט דער ריבניצער רבי זי"ע געבעטן פונעם סיגעיטער רב זי"ע אויב מ'קען זינגען דעם באקאנטן שיינעם כגוונא פון חזן פנחס סג"ל (פינטשיק), א יצירה וואס נעמט אומגעפער אכט מינוט אראפצוזינגען, לכבודו פונעם ריבניצער רבי האט דער סיגעיטער רב צוגעשטימט אז דער בעל תפילה פון קבלת שבת זאל דאס זינגען.

נאכן ענדיגן דעם שיינעם שטיקל, האט דער ריבניצער רבי געבעטן דעם סיגעיטער רב אויב מ'קען עס נאכאמאל זינגען... און דער סיגעיטער רב האט לכבודו ווידער מסכים געווען, אזוי איז געווען א דריטע מאל... און נאכדעם א פערטע מאל... דאס

איז געווען היבש שווער פאר די מתפללים אראפצושלינגען... אבער פארן כבוד פונעם ריבניצער רבי'ן האט מען גארנישט געזאגט... נאכן דאווענען האט דער ריבניצער רבי געזאגט פארן סיגעיטער רב אז ער האט געוואלט דערמיט ווייזן אז א שול דארף זיך נישט פירן אויפן טאַקט, פינקטליך אויפן האר, די גבאים דארפן וויסן אז אמאל דארף מען זיך בייגן לטובת די מתפללים.

דער ראש ישיבה האט ממשיך געווען: "איך האב נאך א שיינע מעשה פון לימנובער רב..." אבער אינצווישן זענען דורכגעגאנגען צוויי אינגעלייט און האבן אומבאמערקטערהייט גערעדט אביסל הויך, דאס האט אביסל געשטערט פאר די וואס האבן מיטגעהאלטן דעם ראש ישיבה'ס שמועס, האט זיך איינער אויסגעדרייט צו די אינגעלייט און געזאגט: "נו שאַ", האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך דערציייל נישט די מעשה, איך וויל נישט מ'זאל שושקענען ארום מיר..."

א יישר כח פאר דעם שיינעם בלעטל.

יואל שניצלער, קרית ברסלב

איבער רבי משה גראס שליט"א

פאראנגענעם יום טוב שבועות איז געווען אינעם בלעטל א אינטערוויו מיט הגאון רבי משה גראס שליט"א, וואס זיצט און לערנט במשך דעם טאג אויפן וועג פונעם הייליגן רבי'ן - אויפן סדר דרך הלימוד. איך האב שוין לאנג געהערט פון אים, איך האב הנאה געהאט דאס צו זען באשריבן אזוי שיין אינעם בלעטל, עס האט מיר געגעבן א בליק אריין ווער דער איד איז, און וויאזוי איך קען אויך באוויזן צו לערנען יעדן טאג תורה מיטן איבערשטנ'ס הילף.

א צייט צוריק האב האב געהאט חשק אים צו טרעפן, בין איך אהין געגאנגען ביים דעם בית המדרש וואו ער לערנט אין די נאכמיטאג שעות. אנקומענדיג אהין, און נישט וויסענדיג וויאזוי ער זעט אויס, האב איך מיך אזוי אומגעקוקט ווער דער אינגערמאן קען זיין, אזוי קוקענדיג אביסל האב איך שוין צאמגעשטעלט אז מן הסתם איז עס דער אינגערמאן וואס שאקעלט זיך אויפן גמרא און עס אינטערעסירט אים נישט די גאנצע עולם ארום.

איך וויל נאר צולייגן א נקודה צום דעם, וואס איך האב דארט געזען; מען האט געדאווענט מנחה, און ביי הויכע שמונה עשרה האב איך געזען ווי רבי משה שליט"א נעמט א צדקה זעקל פון תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, און גייט ארום נאך געלט ביי די מתפללים. דאס האט מיר זייער באריהרט, אז מען קען דאס אויך טון, נישט קיין חילוק צו מען איז א אינגערמאן וואס לערנט א גאנצן טאג אדער נישט, גייט מען נאך געלט בתמימות ופשיטות, און אזוי אויך שעמט מען זיך נישט צו גיין מיט א זעקל פון היכל הקודש.

א גרויסן שכח פארן הערליכן בלעטל וואס איר געבט ארויס יעדן איינציגן וואך.

א שטענדיגע ליינער

א גריס פון אייער ארבעט

לכבוד די מערכת פונעם קרית ברסלב בלעטל. איך קען מיך פארשטעלן אז ס'איז נישט גרינג ארויסצוגעבן דעם מאגאזין יעדן וואך, ווייל יעדע זאך וואס מען וויל טון צו צושפרייטן דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף דער וועלט, קומט נישט אן גרינג. אבער איך וויל אייך מחזק זיין איר זאלט ווייטער אנגיין מיט דעם, איך קען אייך זאגן וואס דאס טוט פאר מיר און פאר מיין משפחה.

איך הייס נישט אין די גאס א ברסלב'ער, איך דאווען נישט אין היכל הקודש צוליב כמה טעמים, איך האף נאך איין טאג יא צו קענען דארט דאווענען, אבער לעת עתה פירט דער אייבערשטער אזוי.

אבער די בלעטל איז א זאך וואס ברענגט אלץ נענטער און נענטער אז איך זאל זיך קענען עפענען, און אזוי אויך אז מיין משפחה זאל קענען צוביסליך זיך אריינפעדעמען אין היכל הקודש. מען באקומט עס יעדע וואך, מען טוט עס אדורך פון דעקל צו דעקל, מען האלט מיט פונדערנאנט אלע געשעענישן אין היכל הקודש, ס'טוט א געוואלדיגע ארבעט ביי מיר אין שטוב.

איך קען אייך זאגן איין זאך "שכרך הרבה מאד", קוקט נישט אויף גארנישט, געבט ווייטער ארויס די הערליכע ווערק.

א ליינער וואס ווארט שוין ציך צו עפענען

איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com

פארוואס שרייבט מען ט"ז?

שאלה: לויט וויאזוי איך פארשטיי שרייבט מען "פופצן" אין לשון הקודש "ט"ו", ווייל מען וויל נישט ארויסשרייבן דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אבער וואס ס'איז מיר אינטערסאנט איז, פארוואס ביי די נומבער "זעכצן" שרייבט מען "ט"ז"?

ענטפער: דער שאלה איז זייער א גוטע, דער שרייבער פון די שורות האט זיך לאנג געמוטשעט צו טרעפן א תשובה, און באמת אחרי ככלות הכל האב איך נישט קיין קלארע תשובה דערויף.

באמת איז די שאלה נאך שטארקער, ווייל מען זעט אין פילע פריערדיגע ספרים וואס שרייבן ט"ו און י"ו, אריינגערעכנט אין ליקוטי הלכות, און פון די אנדערע זייט קען מען ממש נישט טרעפן היינט איינער וואס זאל נישט שרייבן ט"ו און ט"ז.

זוכענדיג פאר א תשובה האט אונז איין תלמוד חכם געזאגט עס זעט אים אויס אז דאס איז פשוט א פראקטיש זאך, עס זאגט זיך בעסער ט"ז נאך ט"ו, והא ראי' מען זעט פארשידענע פריערדיגע האבן אמאל געשריבן אזוי און אמאל אזוי, אבער ט"ו האבן אלע געשריבן.

אנדערע האבן געוואלט זאגן אז עס איז דא עפעס א קפידה דערויף וויבאלד ביידע אותיות פון י' און ו' ווערט געניצט ביים אייבערשטענ'ס נאמען, און צוליב דעם שרייבט מען עס אזוי.

וואס ס'איז אונז נוגע למעשה איז די חשיבות פון אפילו נאר שרייבן דעם אייבערשטנ'ס נאמען אפילו ברמז. פון דעם קענען מיר עפעס פארשטיין די חשיבות ווען א איד זאגט ארויס אפילו נאר אייןווארט צום אייבערשטן.

א מענטש וואס שפירט זיך ווייט, ער שפירט זיין הארץ איז אים פארשטאפט, ער האט נישט וואס צו רעדן צום אייבערשטן, ער איז פארמאכט, זאלסטו זאגן אפילו נאר איין ווארט "באשעפער", אדער וויאזוי דו שפירסט באקוועם, "טאטע", "גאט", "אייבערשטער", "הקדוש ברוך הוא". דו ווייסט וואס פארא חשיבות עס פארמאגט? דאס וועט עפענען פאר דיר אלע טויערן, דער אייבערשטער איז זיך משתשע מיט דיר.

אונזער טאטע ווארט מיר זאלן אים רופן. גיי צו אים, ער האלט זיין הענט אויסגעשטרעקט צו דיר מיט ליבשאפט. גיי צוריק צו אים.

אונזער ידיד מו"ה יואל שניצלער הי"ו האט געהערט אז מען רעדט איבער די שאלה, האט ער אונז צוגעלייגט וואס ער ווייסט איבער דעם. דאס איז וואס ער האט אונז געשריבן:

אזוי ווי דאס שרייבן ט"ז איז א רעלאטיוו נייע זאך, טרעפט מען טאקע נישט קיין פריערדיגע מקורות איבערדעם, סיי אויפן שרייבן אזוי און סיי די סיבה דערצו.

א חשוב'ער תלמיד חכם און מחבר ספרים, ר' יהודה הערשקאוויטש הי"ו שרייבט אין קובץ חצי גבורים (קובץ יא) א שטארקע השערה, אז אין די ספרים הקדושים טרעפט מען דעם שם י"ו, און דאס איז פינקט אזא הייליגע שם אזוי ווי די אותיות י"ה, און דערפאר שרייבט מען ט"ז אנשטאט י"ו, נאר אזוי ווי דער שם איז ערשט באוויסט געווארן נאכדעם וואס די ספרי קבלה האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן (אנהויב ה' אלפים), און דערנאך איז אנגעקומען די תקופה וואס מ'האט אנגעהויבן צו דרוקן ספרים, ממילא טרעפט מען דעם ערשיינונג פון ט"ז בעיקר פון דעמאלט און ווייטער.

אזוי איז עס געווארן מער און מער אנגענומען, ביז היינט טרעפט מען נאר דעם צאמשטעל ט"ז, מ'טרעפט שוין נישט דאס שרייבן י"ו. משא"כ ביז די ספרי קבלה זענען באוויסט געווארן, וואס דאס איז געווען פאר די תקופה וואס מ'האט אנגעהויבן דרוקן ספרים, האט מען נישט געוויסט אזוי ווייט צו מקפיד זיין אויף דעם און יא געשריבן י"ו, אזוי ווי מ'טרעפט בעיקר אין די פריערדיגע כתבי ידות, און אזוי אויך אין ספרי תימן. (ועי' עוד אין קובץ עץ חיים, קובץ לו, עמוד תקכח).

אין די שו"ת ספרים פון הגאון רבי חיים קניבסקי זכר צדיק לברכה, טרעפן מיר ווי ער ענטפערט אויף דעם אז אויף אלע אותיות פונעם אייבערשטנ'ס נאמען זענען מיר מקפיד דאס צו שרייבן בדרך כבוד, ממילא אזוי ווי די אותיות י"ו זענען פונעם אייבערשטנ'ס נאמען, נוצט מען דאס נישט אלס א נומער, נאר מען שרייבט אנשטאט דעם ט"ז.

היי יאר
איז אנדערש!

*sruliHeskel

קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מַיין זַייט

שאלה

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיז צוּ לַאנְג אוּן פַּארְצְוַוייגְט אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן, אָבֶּער מַמֶשׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל קֶען אִיךְ אַזוֹיפִיל שְׁרַייבְּן אַז אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ מְצוֹרָע וָועמֶען מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן מִיט צְוֵויי יָאר צוּרִיק צוּ אַ נַייֶע גֶעגְנְט, אָבֶּער קֵיינֶער דָארְט אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, נִישְׁט אִין גַאס אוּן נִישְׁט אוּן שׁוּל, קוֹים וָואס אֵיינֶער גְרוּסְט מִיר אַמָאל.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער בַּיְישָׁן, סֵיי פוּן נַאטוּר אוֹיס אוּן סֵיי וַוייל מֶען הָאט מִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט אוֹיף שְׁטִיקֶער.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן מַיינֶע צָרוֹת, בִּיטֶע הֶעלְפְּט מִיר אַרוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ



בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוֹישְׁט זִיךְ אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אַיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט, מֶען קוּקְט אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דוּ בִּיסְט אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּיְישָׁן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זַיין אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן צוּ זַיין אַ שֶׁעמֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ; בַּיְישָׁנוּת אִיז אַ אִידִישֶׁע מִידָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי זֶענֶען "בַּיְישָׁנִים", שֶׁעמֶעדִיג; נָאךְ זָאגְן אוּנְז חַזַ"ל (נְדָרִים כ.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, כ): "**בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם**", **זוּ בּוּשָׁה**, "**לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ**", - מְלַמֵד שֶׁהַבּוּשָׁה מְבִיאָה לִידֵי יִרְאַת חֵטְא", וֶוער עֶס הָאט דֶער מִידַת הַבּוּשָׁה וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין זִינְד.

אֱמֶת, דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט; עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען הָאט דִיר גֶעטוּן, מֶען הָאט דִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט, צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דַיין הַצְלָחָה לִיגְט אִין דַיינֶע הֶענְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר דִי אֱמוּנָה; דוּ וֶועסְט זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין אַיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אונזער ציל,
זיין געטריי!

היי יאר איז אנדערש!

יעדער נעמט א חלק, מיר האבן איינגעטיילט די קהילה און צען ארמייען, יעדער ארמיי וועט האבן אירע גענעראלן.

יעדער ארמיי וועט האבן א באזונדערע ציל און וועט טון אלעס צו זיין געטריי און העלפן אונזער עתיד און די עתיד פון אונזערע קינדער.

דעטאלן וועלן נאכפאלגן.

האחיכם יצאו למלחמה ואתם תשבו פה?

charidy.com/breslev

ט״ז - י״ח אב

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

*sruliHeskel

גרשון קרעמער

פריערדיגער פרעזידענט דאנאלד טראמפ איבערגעלעבט אטענטאט פארזוך

פאראנגענעם שבת נאכמיטאג אין באטלער, פענסילוועניע, איז פארגעקומען א ראלי קאמפיין אויפן גאס ביי א גרויסע פעלד מיטן געוועזענעם פרעזידענט טראמפ, ווען אינמיטן זיין רעדע האט פאסירט אז א שיסער - וואס האט אויסגערעכנט צו האבן א פאזיציע אויפן דאך פונקט קעגנאיבער וואו טראמפ'ס פאדיום איז געווען אוועקגעשטעלט - האט געשאסן אין ריכטונג פון טראמפ, פון וואס טראמפ האט פארמיטן די קוילן, און איז בלויז לייכט געשעדיגט געווארן ביי די רעכטע אויער, ער איז שנעל אראפגעפירט געווארן פונעם סטעידזש דורך די סיקרעט סערוויס.

די מאטיוון פונעם צוואנציג יעריגער שיסער זענען דערווייל נישט קלאר. דער שיסער איז גלייך געשאסן געווארן צום טויט דורך די סיקרעט סערוויס.

טראמפ איז באלד אוועקגעפירט געווארן פון דארט צום נענטסטן שפיטאל פאר אינטערזוכונג, און איז ארויס פון דארט נאך געציילטע שעות געזונט און שטארק, אבער מיט א געלעכערטן אויער...

שפעטער האט זיך פרעזידענט ביידען פארבינדן טעלעפאניש מיט טראמפ, זיך נאפרעגנדיג זיין געזונהייט מצב.

מוצאי שבת ביים מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן די דרשה מיט די אויפטרייסלענדע נייעס, זאגענדיג אז די גאנצע וועלט רעש'ט יעצט מיט דעם וואס ס'האט פאסירט דעם היינטיגן טאג, און דאס ווייזט אז מען האלט שוין גאר נאנט צו די טעג וואס משיח גייט אונז אויסלייזן, נאכדעם וואס מ'זעט אז ס'פאסירט פלאים'דיגע זאכן וואס מען הערט נישט יעדן טאג.

אויך זונטאג נאכן לערנען דעם דף גמרא האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם און געזאגט: ווען א מענטש שטיפט זיך ארויף צו הויער, קען פאסירן נאכדעם אזאנע זאכן, ווען ער זאל זיין א שטילער מענטש פאר זיך וואלט אים גארנישט פאסירט.

מען האט באשיינפערליך געזען אז די סיקרעט סערוויס מיט זייער בודשעט פון ביליאנען דאלער א יאר איז גארנישט ווערט. נאר דער אייבערשטער קען היטן א מענטש, און נאר אין אים קען מען זיך פארזיכערן. זייערע פילע זיכערהייטס מיטלען האבן גארנישט געהאלפן ראטעווען דעם פרעזידענט. טראץ זייערע באריממערייען אז מען קען גארנישט פארמיידן פון זייערע שארפע אויגן, וואו די בעסטע העכסט טרענירטע געהיימע אגענטן שפיאנירן דורך אלעס אינעם אומגעגנט, און גארנישט קען בייקומען זייערע שטרענגע זיכערהייט מאסנאמען, וואלט דער שיסער געקענט אומברענגען דעם פרעזידענט, ווען ער שיסן ווען מיט איין אינטש ווייטער. ער איז געראטעוועט געווארן נאר ווייל עס איז געווען באשערט פאר אים צו בלייבן לעבן.

אזוי רעדענדיג פון די מעשה מיט טראמפ, האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אזביידע קאנדידאטן זענען שוין געווען פרעזידענט, און מ'האט שוין געזען וואס זיי קענען ברענגען צום טיש, זיי האבן נישט קיין חידושים, במילא וועט עס פאר אונז נישט צופיל אויסמאכן, מיר אלע דארפן ווייטער צאלן די דירה יעדן חודש, קאווערן דעם חודש מיט אלע הוצאות, זיי וועלן אונז נישט קענען העלפן דערמיט, נאר דער אייבערשטער קען אונז העלפן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "קאך נישט אזוי אין פאליטיק, ווער נישט אזוי איבערגענומען פון די פאליטיקס וואס טוט זיך אלץ אפ, מיר דארפן זען אריינצוכאפן יעדן טאג עפעס וואס בלייבט אונז פאר יענע וועלט, יעדן טאג דארף מען לערנען אביסל חומש, משניות און גמרא, דאס נעמט מען מיט.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט מיט ווייטאג אז מען האט מען געזען ליידער אין שטאט ביים פריערדיגן פרעזידענט וואלן ווי אידן האבן ארויסגעלייגט טראמפ פענער פארנט פון זייער הייזער, ווי כאילו דאס אז טראמפ גייט זיגן גייט זיי עפעס ברענגען, דאס איז זייער נאריש, ווייל נאר דער אייבערשטער קען אונז העלפן.

נאר דער אייבערשטער היט אונז





וואלן אין עטליכע לענדער טוישן פירערשאפט פאזיציעס

אאין די פאראייניגטע קעניגרייך (UK) האט רישי סונעק דער געוועזענער פרעמיער מיניסטער פון די קאנסערוואטיוועך פארטיי אויפגעגעבן אויפן פארמעסט, נאכן נישט קענען צוזאם שטעלן א רעגירונג צום לעבער פארטיי פירער קיר סטארמער, וואס האט באקומען דעם מאנטאד צוזאם צו שטעלן דעם נייעם רעגירונג אין גרויס בריטאניע. סטארמער האט זיך געטראפן מיט קעניג טשארלס דער דריטער וועלכע האט אים געגעבן דעם באשטעטיגונג צו פארמירן א נייע רעגירונג.

די לעבער פארטיי האט אפגעהאלטן איינס פון די גרעסטע זיגן אין די האוז און קאמאנס פארליאמענט הויז, אנציענדיג ארום 410 זיצן, אין צייט וואס די קאנסערוואטיווע פארטיי איז אריין געקומען מיט קוים 118 זיצן. די געוועזענע פרעמיער, וועמענס פרעמיערשאפט האט אנגעהאלטן פאר א מאגערע 49 טעג, האט פארלוירן איר אייגענע פארליאמענט זיץ מיט עטליכע הונדערט שטימען. א צאל אנדערע באקאנטע קאנסערוואטיווע געזעצגעבער האבן אויך פארלוירן זייערע זיצן, צווישן זיי די האוז און קאמאנס פירער פעני מאָרדאָנט.

אין פראנקרייך האט זיך אריסגעשטעלט א דריי שפיציגע פארמעסט, ווי די לינקע האבן איניינעם אנגעצויגן בערך 180 זיצן, די צענטעריסטן בראש פונעם יעצטיגן פרעזידענט מאקרון האבן באקומען ארום 160, און די רעכטע פארטייען האבן באקומען בערך 140, וואס מאכט אז קיינער האט נישט קיין רוב, און איז זייער אומקלאר ווער וועט באקומען די פירערשאפט פאזיציע.

אין איראן איז פארגעקומען וואלן נאכדעם וואס דער ביז יעצטיגער פרעזידענט ראַאיסי איז גע'הרג'עט געווארן אין ן עראפלאן קראך, ווי באריכטעט א צייט צוריק, דארט האט איינער מיט'ן נאמען מאסוד פעזשעקיען געווינען די וואלן. מאסוד איז רעלאטיוו מעסיג קעגן סאַאיד דשאלילי וואס האט פארלוירן די וואלן. אבער ווי פארשטייט זיך אז דאר אין איראן וועט דאס נישט צופיל טוישן די פאקטן, די רעגירונג ווערט סיווויי געפירט דורך די קאמיטע, און נישט דורכן פרעזידענט, ס'איז אין א בחינה פון "א טיטל אָן א מיטל".

ביי אלע דריי פעלער זעט מען ווי די אמטירענדע רעגירונגען האבן שטארק פארלוירן צו די אנדערע פארטייי, ווען די ווילער לייגן אן אלע זייערע פראבלעמען אויף זייער פרעמיער מיניסטער אדער פרעזידענט. מיר דארפן געדענקען נישט צו זיין אזוי נאריש, ווען מיר האבן פראבלעמען איז נישט די יו ען שולדיג, אויך נישט נאטא, נישט טראמפ אדערביידען, נישט גאווערנאר האקול אדער מעיאר עריק עדעמס.

אלע אונזערע הצלחות און אזוי אויך אונזערע נסיונות אלעס קומט פונעם באשעפער, ער וויל מיר זאלן זיך ווענדן צו אים, אים דאנקען פאר אלע זיינע חסדים, מיר האבן א דאך איבערן קאפ, מיר האבן וואס אנצוטון, מיר האבן צו עסן, ב"ה עס זענען דא שמחות ביי אידישע קינדער, מען איז זוכה צו לערנען יעדן טאג אביסל, מען דאוונט, מען לייגט תפילין, מען גיסט אפ נעגל וואסער, מען רעדט שיין צו די ווייב/קינדער/עלטערן, וואס האבן מיר זיך צו באקלאגן?

און אויב מיר האב אמאל א שווערע דורכגאנג, און זאכן גייען נישט ווי מיר ווילן, דארפן מיר זיך אויפוועקן, דער אייבערשטער דערמאנט אונז מיר זאלן נישט טראכטן אז דער עסקן אדער יענער בדחן קען אונז העלפן.

דו האסט טראומע? דארפסט טעראַפּי? רעד זיך אויס צום אייבערשטן, פארציייל אים אלעס וואס ס'איז דיר אריבער אין לעבן; אלע וואס האבן געלאכט פון דיינע דורכפעלער, אלע וואס האבן דיר געבוליט און געפייניגט; טו עס איינמאל און נאכאמאל ביז אלע טראומע וועט ארויסגיין פון דיר. קענסט מאכן אן אפוינטמענט ביים גרויסן טעראַפּיסט אונזער טאטע אין הימל שוין יעצט, ער איז אוועילעבל, און ער ווארט שוין אויף דיר.

משפיל גאים עדי ארץ ומגביע שפלים עדי מרום

משה ארי' שניצלער

די נישט קיין אייזל



חיים שפייזליך האט א ריזיגן שפייז געשעפט (סופערמארקעט בלע"ז) אויף די הויפט גאס. חיים פארשטייט צו א טאלער, ער האט שטילערהייט דריי אינגעלייט וואס שפיאנירן ארום אין געשעפט, זישי, פישי און מישי, זאגן זאגן זיי אז זיי פירן יענע און יענע דעפארטמענט, איינער די פאטעיטע טשיפ דיפארטמענט, איינער די קארן טשיפ דיפארטמענט, און איינער די טארטילע טשיפ דיפארטמענט.

באמת, לאמיתו של דבר, האט חיים שפייזליך גאר אן אנדערן כונה ביים ארייינשטעלן אין געשעפט זישי, פישי און מישי. חיים שפייזליך איז א געניטער סוחר, קארן טשיפ שמארן טשיפ, מען הייערט נישט קיין הויפט מענעדזשער פאר יעדן געזאלצענעם מאכל. וואס יא? חיים האט געוואלט האבן א זאך וואס הייסט א קאסטומער עדוואקעיט, איינער וואס נעמט זיך אן פאר'ן קונה אין צייט פון קריוודע, אז א קאסטומער קוועטשט דריי אוואקאדאו'ס קומט זישי מיט א זיסן שמייכל און זאגט אים אז די אוואקאדאו טראק איז דא ביז געציילטע מינוט'ן מיט א פרישע שיפמענט פון אוועקאדאו'ס וואס זייער רייפקייט שטאפל איז פונקט דאס וואס איר האט יעצט געוואלט האבן.

אויב איינער הייבט אויף א געהענגל בענענע'ס און לייגט עס אראפ, קומט צו גיין פישי מיט א קענדי און א טשאקלעד פאר די קאסטומער'ס קליינע זיסע דזשעלי-פאות אינגעלע מיט די



הארטע אראנדזשע קאפל מיט די ווערטער "די בעסטע אינגל", און געבט א שנעלן בליק: אויב די אראפגעלייגטע צוריקגעוויזענע בענענע'ס זענען גרין, זאגט ער אז מ'ברענגט "שוין" די געלע, אויב ס'איז געל, זאגט ער אז מ'ברענגט "שוין" די גרינע, אויב ס'איז ברוין, דערמאנט ער זיך ווען זיין מאמע פלעגט אים זאגן אלץ קינד אז ס'איז נישט א פארפוילטע בענענע, ס'יז א האניג-בענענע.

אז א קאסטומער הייבט אויף די שמעקעדיגע בלומען און גייט אוועק אן קויפן, קומט צו גיין מישי מיט א קיופאן, איר באקומט פינעף פערצענט דיסקאונט אין דעם געשעפט פאר גאנצע צוועלף חדשים.

חיים'ס מעטעד האט זיך אויסגעצאלט ביג טיים. די וועלט בארימטע shpeizlich's איז געווען א סוקסעס פון א געשעפט, ס'איז אלץ געווען געשטאפט, מ'האט זיך נישט געקענט רירן דארט. אלע וואס האבן נישט געהאט קיין שלום בית פלעגן קומען דארט באקומען א שמייכל פון זישי פישי מישי שמישי, און ס'האט גוט געארבעט! יעדער וואס האט געהאט א באבלאזענע סיטואציע אין שטוב האט געזען פאר גרינגער צו רעדן מיט זישי פישי מישי שמישי ווען די ווייכקייט שטאפל פון די אוועקאדאו ווי צו stop'ן די קאלטע קריג וואס טוט זיך ביי זיי אין שטוב (עה! זיי קריגן זיך נישט! עה! זיי דארפן נישט די "אינטערעסאנטע" עצות אמונה וואס זאגט יעדע וואך נאכאמאל און נאכאמאל אז מ'דארף רעדן שיין צו די ווייב און קינדער. עה! זיי קריגן זיך בכלל נישט!!! והראי' אז זיי גייען יעדע וואך צום סטעיק האוז! וואס קען זיין א בעסערע ראי' אויף שלום בית?!!!).

דער עולם איז געקומען אין די מאסן באקומען אטענשן.... פשוט כמשמעו, ענדערש באקומען א שמייכל פון מישי ביים קלאפן די וואסער מעלוינע ווי צו געבן א שמייכל אין שטוב.

און בכלל, פארוואס "געבן" א שמייכל, אז

> **איך בין נישט דער עקספערט גראמאטיקער, אבער ווען ס'קומט צו די זאך פון אייזל קען איך אייך זאגן איין זאך, איינמאל אין זעקס טויזנט יאר וואס א אייזל רעדט שוין, וואס זאגט ער? "איך בין א אייזל, הלא אנוכי אתונך, איך בין דאך דיין אייזל."**

איך קען "באקומען" א שמייכל?! פארוואס זאל איך זיין דער וואס איז אחריות'דיג און געבעדיג, אז איך קען זיין בעיביש און נעמעדיג?!

אז איך קען זיין די קינדערגארטן אינגעלע וואס מוז האבן "די סקונדע" א בענדידזש ווייל איך האב א ריזיגע עכטע באמבעדיגע בליטעדיגע בובו, פארוואס זאל איך זיין א דערוואקסענער וואס איז גרייט צו טון די פליכט וואס דער אייבערשטער האט באפוילן אז יעדע איינציגע נשמה זאל עוסק זיין אין ישוב העולם, מאכן די וועלט א פלאץ פון דערוואקסענע באזעסענע מענטשן וואס אנטלויפן נישט פון די פאזיציע פון געבן גוטע ווערטער פאר יעדן וואס קומט מיט זיי אין בארירונג.

איין זאך האט אביסל דערנערוווירט חיים'ען. אלעס איז אים געגאנגען על מי מנוחות, נאר דער בוקקיפער זיינער, משה'לע בוכמאכער איז געווען א שטיקל נערוון קריכער. ער האט נישט געהאט דעם פיפטן חלק.... ער האט געקענט די נאמבערס "אביסל צו גוט"....

נאכ'ן איבערקוקן די excel sheets יעדן ערשטן דינסטאג פון דעם חודש למספרם און נאכאמאל זען אז די סופערמארקעט פראפיט'ן זענען אריבער דריי מיליאן פאר'ן חודש, האט ער אלץ געמאכט א מינע און געברימזשעט אז די טשאקלעד דיפארטמענט מאכט נישט קיין געלט, אלץ האט ער געטראפן א "שדי ביה נרגא", דיצעמבער האט ער געזאגט אז די אייס קרים דיפארטמענט מאכט נישט קיין געלט, אין אפריל האט ער געזעצט אין טיש אז קיינער קויפן נישט קיין שירעמס און רעגן מאנטלען, אין מערץ האט ער גע'טענה'ט אז די מוזיק וואס מ'פארקויפט נעבן די רעדזשיסטער האט נישט פארקויפט קיין איין איינציגן שטיקל.

חיים פלעגט ווערן זייער נערוועיז ווען זיין בוקקיפער האט געהאט וואטע אין די אויערן

און א הייטעלע אויף די אויגן ווען מ'רעדט פון דריי מיליאן א חודש פראפיט! דער צוריסענער בוכמאכער איז טויב און שטום, ער וויל נאר רעדן פון צען צוואנציג צוקראכענע שירעמעס און רעגן מאנטלען.

וואס מיינט אן אייזל?

אין כתה ח' איז געווען א אינגל מיט א ברייטע מויל און א געשוואלענעם צינגל, א מחוצף, אן עזות פנים, אויפגעוואקסן אין א ווילדן ציגיינערישן שטוב וואס האט זיך געדרייט אויף מיאוס'ע ווערטער, פערד! בהמה! אקס! קו! שוטה!

אבער, למעשה, ווער איז א בהמה? ווער איז נארמאל? ווער איז נישט נארמאל? וואס הייסט נארמאל? וואס הייסט נישט נארמאל?

וואס מיינט אן אייזל?

איך בין נישט קיין גרויסער דעפינישן-זאגער אויף די מיינונג פון ווערטער, איך בין נישט דער עקספערט גראמאטיקער, אבער ווען ס'קומט צו די זאך פון אייזל קען איך אייך זאגן איין זאך, איינמאל אין זעקס טויזנט יאר וואס א אייזל רעדט שוין, וואס זאגט ער? "איך בין א אייזל, הלא אנוכי אתונך, איך בין דאך דיין אייזל".

פארוואס קלאפסטו דיך? פארוואס גייסטו ארום זאגן פאר דיך און פאר יעדן אז דו ביסט א אומגעלונגענער?! ביסט דאך א שטיק פראפיט! דו האסט דאך מיליאנען מיליאנען אין פראפיט! ביסט דאך פול מיט מצוות! ביסט דאך א קינד פון באשעפער!

לעצטע וואך דאנערשטאג פרשת קרח, אום ניינע פארנאכטס, איז דער ראש ישיבה אנגעקומען צו היכל ראזנבערג מיט די פארד עקספעדישן, שימי נרו יאיר האט געדרייווט, דארט איז געשטאנען איינער פון די פאנדרעיזערס פון איין צווייגעלע פון די פילצאליגע "מוסדות היכל הקודש", און דער ראש ישיבה האט זיך באדאנקט: "א גרויסן שכח פאר מיר העלפן, מ'האט היינט געקענט באצאלן פאר פיר וואכן, האסט מיך מחי' געווען". האט דער פאנדרעיזער געזאגט: "אבער ס'איז דאך נישט געווען גענוג צייטליך". האט דער ראש ישיבה געזאגט: "פארוואס קלאפסטו דיך אראפ?! איך בין דיר דאנקבאר! האסט מיך מחי' געווען!"

לאמיר אלע תשובה טון אויף די אראפקלאפעראציע, מיר זענען פול מיט מיליאנען! מזוזה, ציצית, מקוה, תהלים, צדקה, פארוואס זיך קלאפן?!

לאמיר נישט זיין פון די שווארצקוקערס וואס פארדינען דריי מיליאן א חודש און וויינען אויף'ן נישט פארקויפן נאך דריי און צוואנציג שירעמעס און פערצן רעגן מאנטלען.

אז מיר זענען מיליאנערן אנגעפילט מיט אזוי סאך מצוות, פארוואס זיין בעצבות א גאנצן טאג?!

אז דער אייבערשטער פריידט זיך מיט יעדע קליינע מצוה וואס מיר טוען פאר וואס זאלן מיר וויינען און ברעטשען און קרעניען פון צופרי ביז ביינאכט אז מיר זענען בלויז שלעכט?! די ברעטשעדיגע וועג איז א גרויסע סכנה! די קרעניעדיגע וועג איז קעגן די תורה! דאס איז א פאסטקע פון דעם ס"מ! דאס קען חלילה אוועקלייגן דעם גרעסטן גיבור.

א מענטש איז מחויב צו זען גוטס אויף זיך (און אויף אלע ארומיגע......). אן דעם איז נישט מעגליך צו שטעלן איין איינציגע טריט אין לעבן. די נעגאטיווקייט ציט ארויס די גאנצע ענערגיע פון די גרעסטע נשמה.

לאמיר נעמען אינווענטארי יעדן טאג אויף די סאך מצוות וואס מיר פארמאגן, לאמיר תשובה טון אויפ'ן גיין בדרכי ה'אייזל וואס הירזשעט א גאנצן טאג "איך בין א אייזל, איך בין א דורכפאל"

לאמיר עס זאגן אלע אינאיינעם הויך אויפ'ן אויבער-קול "איך בין גוט, מיין ווייב איז גוט, מיין מאן איז גוט, מיינע קינדער זענען גוט, יעדער איד איז גוט, און איך בין אויך גוט, איך האב אין מיר א שטיק אייבערשטער וואס איז בלויז גוטס, איך קען נאך זיין א גרויסער מוצלח"

אז איך וועל רעדן צום אייבערשטן וועל איך אויספירן אלע מיינע גוטע רצונות מיט'ן אייבערשטן'ס הילף.

היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
ר' יונה זינגער
שליט"א מו"ץ
בקרית ברסלב
ליבערטי

הלכות הדלקת נרות סימן רס"ג

א) די חכמים האבן אוועקגעשטעלט א געוואלדיגע חשובע מצוה אז מען זאל האבן לעכט אנגעצונדן אין שטוב יעדן שבת. דאס איז די לשון המחבר: "וחייב שלכל אדם יהיה לו נר דלוק בשבת קודש בבתיהם" (סעיף ד', מקורו מרמב"ם הלכות שבת פרק ה' הלכה א').

ב) ס'איז דא לעכט מיט וואס מ'מעג צינדן, און ס'איז דא וואס די חכמים האבן גע'אסר'ט צו צינדן דערמיט {אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אין שלחן ערוך סימן רס"ד}. מ'קען צינדן מיט די לעכט אזוי ווי ס'איז, אבער אויב מאכט מען עס בעסער און שענער, איז עס א הידור מצוה, און מ'באקומט שכר פאר דעם "בנים זכרים תלמידי חכמים".

ג) די מקור איז אין די גמרא (שבת כג:) דאמר רב הונא הרגיל בנר (שבת) הויין ליה בנים תלמידי חכמים - דאס איז די שכר פאר דער וואס מאכט די לעכט שענער. זאגט רש"י (דברי המשכיל בנים תלמידי חכמים) דכתיב כי נר מצוה ותורה אור, דורך נר מצוה פון שבת און חנוכה, באקומט מען אור תורה. די זוהר הקדוש לייגט צו (בראשית דף מח:) די קינדער וועלן זיין יראי השם, ואנשי שלום.

ד) אויך דער הייליגער רבי שרייבט אזוי אין ספר המידות (בנים אות נד) על ידי נר חנוכה ונר שבת הוי ליה בנים תלמידים חכמים.

ה) א אידישע פרוי זאל בשעת מען צינד לעכט בעטן פונעם אייבערשטן פאר אינגלעך וואס וועלן שיינען אין תורה (מגן אברהם סעיף קי"א בשם רבינו בחיי פרשת יתרו י"ט ג).

ו) אויך איז גוט צו בעטן דעמאלטס אויף אלעס וואס מען דארף, ווי למשל אויף געזונט, פרנסה, שלום בית (רבינו יונה אגרת תשובה דרש ג' יום ו'). אפילו מען קען שטענדיג בעטן דעם אייבערשטן וואס מען דארף, אבער בשעת מען טוט א מצוה איז א געוואלדיגע עת רצון. מוהרא"ש זי"ע ברענגט דאס אראפ אסאך מאל אין די בריוו אין ספר "אשר בנחל", אזוי אויך ווערט עס אראפגעברענגט אין די בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ספר "עצתו אמונה", אז מען זאל נישט זיין קיין בטלן, נאר זען אויסצוניצן די צייט צו בעטן וואס מען דארף.

ז) דיווארט "הרגיל בנר" מיינט אפאר זאכן, איינס אז עס זאל זיין "הרבה אור" דאס הייסט מען זאל ניצן א גוטן קנויט וואס ברענט קלאר און שיין. אזוי אויך זאל די לייכטער זיין שיין, אויב מעגליך זאל עס אפילו זיין פון זילבער.

הגהות

א) דהיינו דיש מצוות שאינם חייבין לעשות, רק אם עושין הוי מצוה. כגון "מצוה להרבותבסעודת ראש חודש" אינו חיוב, אבל יש מצוות שאי אפשר בלעדם, דהיינו שמחייבין לעשותן.

ב) הא לך לשון המחבר "אחד האנשים ואחד נשים חייבים להיות בבתיהם נר דלוק בשבת.

ג) ואף על פי שצריך לקיים מצוה שלא על מנת לקבל פרס (אבות פרק א' משנה ג') מכל מקום אם טורח אדם יותר מכדי צורכו, מותר לבקש על זה שכר (בן יהוידע סוטה כב.).

ד) כן כתוב בטור, וזה לשונו "להשתדל בו לעשות יפה, והויין ליה בנים תלמידי חכמים". וב"ח מסביר, מנין לטור לפרש כן בגמרא, דהיינו על נר יפה? ותירוץ הב"ח משום דבסמוך דף כה: איתא בגמרא "הדלקת נר שבת חובה", אם כן מאי קאמר רב הונא "הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים" דמשמע אינו מחויב להדליק? אלא מאי, דאפילו דיכולין לצאת ידי חובתו בנר פשוט אם עושה אותו יפה, אז מקבל על זה בנים תלמידים חכמים.

ה) וזה לשונו הקדוש: "צריכה האשה להדליק נר של שבת בלב שמח, ובכונה, ועל ידי הדלקת הנרות זוכה לבנים קדושים בתורה וביראה, וירבו שלום בעולם, ונותנת לבעלה חיים ארוכים".

ו) ובמחצית השקל כתוב: "כי בשעת קיום המצוה, התפילה על השכר המיוחד לאותו מצוה רצויה יותר לפניו יתברך". וזה לשונו רבינו יונה: "כשהיא נותנת צדקה, תתפללו באותה שעה בידים נקיות, שיהיה בניה יראי השם, ומצליחים בתורה ובמצוות, ומפני שתפלתו של אדם נשמעת בשעה שהוא עושה מצוה", עד כאן. דהיינו לאו דווקא תפילה הקשורה לאותה מצוה שעושין, רק בכל פעם בעשיית מצוה הוי עת רצון. ובדברי תורה לבעל מנחת אלעזר זצוק"ל אענא רמז יפה וזה לשונו: "ויש לומר דזה מנהג נשי ישראל, שבעת הדלקת נירות לובשים

צעיף (שירצע"ל) כי 'צעיף' ראשי תיבות ע'מך י'שראל צ'ריכין פ'רנסה".

ז) 1. ז"ל הרבינו יונה אגרת התשובה יום ו': כשאשה מדלקת את הנר בער"ש, תזהר בנפשה להדליק מבעוד יום שהשמש נראית. ואחד מן החכמים היה רגיל לעבור על פתח אחד מנשי הגדולים, והיה רואה שהיתה בעלת הבית זהירה מאד להדליק נר של שבת בעתו, ונר בעתו, אמר החכם תדעו כי הבית הזה יצאו שני אנשים גדולים, ויהי כן ותלד האשה ההיא שנים מחכמי ישראל שהאיר את העולם בחכמתם, על דבראשר האירה האישה ההיא נר מצוה בעתו עכ"ל.

2. ולכאורה כונתו לזה הגמרא של (שבת כג:) רב הונא הוה רגיל דהוה חליף ותני אפתחא דרבי אבין נגרא, חזא דהוי רגיל בשרגי [טובא] (עי' בהגהות וציונים של מהדורת עוז והדר) אמר תרי גבר רברבי נפקי מהכא, נפקי מיניהו רב אידי בן אבין ורב חייא בר אבין - רואין אנו שלמד רבינו יונה בגמרא כן - רגיל בשגרי טובא, דהיינו שהדליק בזמנו: וכגון זה כתוב רבינו פרחיה בר ר' ניסים וזלה"ק: הרגיל בנר, היינו שמדליקין בשעתו ויניחו בו שמן הרבה כדי הוא לו עכ"ל - והיינו לדקדק לקיים את המצוה בהלכתה לכתחילה בזמן ההדלקה ויניחו בו שמן הרבה כדי הוא' לו עכ"ל:

3. המאיר כתוב דהיינו הזהיר לעשות דרך חיבוב מצוה, דהיינו דעושה המצוה בחשק ובחביבות.

4. טור כתוב שהכונה שעושה הנרות יפים, וכן היא לשון הסמ"ג (עיין עשה ל') הרגיל בנר נאה.

5. מדבר המגיד משנה, דהיינו מי שנזהר שלא לבטל במצוה זו, דכתיב דמקור לדברי הרמב"ם, שכתב, וצריך אדם להזהר בה דהיינו מימרא זו של הרגיל בנר.

6. וז"ל פתח עינים: אפשר דכונה דמדליק הרבה יותר מן החיוב בנרות שבת, דהכי אמרו בהנהו עובדו בסמוך דהוו "רגיל" בשרגא טובא והיינו דבהא נקט "רגיל" ולא זהיר כמו הני דבסמוך, דבסמוך הפירוש דזהיר במצוות גופא, והכי מיירי דמוסיף על חיובו ורגיל בזה, וכן כתוב בספרק פלע יועץ (מערכת נר) דהזהיר בשבת היינו להרבות בנרות והזהיר בחנוכה לעשות נרות יפים, וז"ל: נר שבת ונר חנוכה ידוע מאמר חז"ל שהזהיר בהן זוכה לבנים תלמידי חכמים, וענין הזהירות היא שיהיה הכלי שמדליק בו נאה ונקי, ושידליק בשמן זית זך, ובשבת ירבה בנרות.

7. ז"ל גור אריה: שכר זה על הזריזות שזה הזריז בהדלקה הוויין לו בנים ת"ח.

8. הפרמ"ג כ' (סי' רס"ג א"א סק"א) דהכונה שרגיל להדליק בנר שמן זית, וכן פירוש בספרו ראש יוסף (שבת כג:) וכן הוא בחיד"א בספרו מחזיק ברכה (סי' רס"ד סק"ד).

Deadline to advertise Sunday 12:00 PM

קלאסיפיידס

בשורה טובה! עס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף אראפקומען אין שטעטל א פוס דאקטער, פאר קינדער און ערוואקסענע, פאר די וואס קענען גענויסן פון ספעציעלע orthopedic wear. זיך איינצושרייבן ביטע רופט 329-203-3317 צווישן 12:00 און 6:00.

פאר אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע דעטאלירטע מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן נומבער, און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH

Get care at home.

We accept most insurance plans

PRESCRIPTION REFILLS
STREP CULTURES
FLU & COVID/ RSV TESTING
SEASONAL ALLERGIES
EAR EXAMS
RASHES/ PINK EYE
URINE CULTURES
LAB-WORK

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030

Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care

SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS

די ערשטע סטאפ אויפן וועג אין קאנטרי

Free Delivery with minimum order

מיר האבן א רייכע אויסוואל
פון אלע, games, Judaica
און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר
א רידיגע אויסוואייל פון אלע
סארטן זילבער פילד כלים.
מיר זענען אפען א גאנץ יאר

שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס

אפען טעגליך - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

347.578.4449

51 Twin Bridge Rd.
Liberty N.Y. 12754
left side entrance

Professional job done within a week

The best prices

KB Seamstress

Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price.

All prices are given after job is done.

Drop off your bag at my door with your name, phone number and information I need to know.

For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use:

- Ez lastic
- Ez sticker lables
- Fabric scissors
- Pins with & without head
- Hand Needles
- Machine needs
- Tape measure
- Triangle Chalk
- Bobbins
- Permanent marker
- Seam ripper
- Tracing paper
- Tracing wheel
- Magnet tray
- Basic color thread
- Zippers
- Shirt buttons
- Bekisha buttons
- Hook & eyes
- Rubber
- Velcro
- Safety pins
- Black ribbon

Adjustable Strap reflectors

Looking forward to serve you.

Mrs. Weberman-136 Hsuchke Rd-845-662-4083

מעשיות פון תפילה

משה עקשטיין

קרית ברסלב

איך האב געדארפט א נייע ציצית מיט תכלת, וואס קאסט אביסל מער ווי א ציצית אן תכלת, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר דעם.

אפאר טעג שפעטער איז מיין ווייב געווען אין באזאר, און געטראפן דארט א נייע ציצית מיט תכלת, וואס איינער האט געשיקט צום באזאר פאר עפעס א סיבה, אזוי האב איך באקומען א שיינע נייע ציצית מיט תכלת דורך תפילה.

שלום אלי' אינדיג

מאנטריאל

1. איך בין געגאנגען הפצה אין די געגנט וואו עס וואוינען אסאך פון אחינו בני ישראל הספרדים, איך האב נאך געהאלטן פאר שחרית, די לעצטע מנין ביים שול מיטן נאמען "בית הזהר" שטעלט זיך דארט אום ניין אזייגער, מ'האט אנגעהויבן דאווענען, אבער מ'האט נישט געהאט קיין צען מענטשן ביים מנין, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין מנין, איך וויל אזוי שטארק דאווענען מיט מנין, דער ראש ישיבה רעדט אזוי סאך פון די גרויסקייט צו דאווענען מיט מנין.

למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז ס'זענען געקומען און געגאנגען מענטשן במשך דעם דאווענען, אזוי איז אויסגעקומען אז ס'איז געווען מנין ווען מ'האט געדארפט זאגן קדיש וכדומה

2. מוהרא"ש זאגט: מי שברא היום ברא פרנסה ליום, איך האב דאס ממש מיטגעהאלטן באשיינפערליך, די טאג האט זיך אנגעהויבן (פארשטייט זיך נאכן דאווענען און לערנען) ווען איך איך געוואלט אויפטוישן אמעריקאנע געלט צו קאנאדישע געלט, איך בין אהינגעפארן צו דעם אינגערמאן וואס טוישט אויף, אינמיטן וועג איז געווען די ראוד אפגעשפארט, און

מעשיות פון תפילה

מ'האט געדארפט פארן א שטיקל אומוועג, וואס דאס האט אויפגענומען מער צייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל אים קענען טרעפן, און אזוי אויך נישט האבן קיין פראבלעם מיט זוכן פארקינג, ווייל דאס נעמט אויך אויף צייט.

איך פאר אריין אינעם גאס, און אזוי נאך אינעם קאר זע איך דעם איד שפאצירן אויפן גאס, איך האב אים געכאפט רויט האנטיג, אזוי האבן מיר אויפן פלאץ אויפגעטוישט די געלט, וואס איז אויסגעקומען צו בערך זעקס הונדערט דאלער אין קאנאדישע געלט.

פון דארט בין איך געגאנגען עוסק זיין אין די הייליגע מצוה פון הפצה, ס'איז געווען ברוך השם א סוקסעס, מ'האט מזכה געווען אידישע קינדער מיט עצות פון הייליגן רבי'ן, און אויך געמאכט אפאר דאלער אין די זייט.

שפעטער האב איך מיך געכאפט אז איך דארף בודק זיין מיין תפילין, איך בין אנגעקומען צום בודק, איך האב שוין אזוי אגב געפרעגט אויב ער האלט אז איך דארף שוין האבן נייע בתים, און וויפיל די פרייז איז, האט ער מיר געזאגט אז ס'קאסט אכט הונדערט דאלער, איך האב געטראכט צו מיר אויב דארף מען עס וועט דער אייבערשטער זיכער שיקן די געלט פאר דעם.

למעשה איז די בתים נאך געווען גוט, און די תפילין צו בודק זיין האט געקאסט $250, וואס דאס איז געווען בערך דעם סכום וואס איך האב געמאכט ביי הפצה.

אזוי אויך האב איך געהאט יענעם טאג א הוצאה פאר די קאר, איך האב געדארפט אריינלייגן א טרעקער אינעם קאר, על כל צרה שלא תבוא, וואס דאס האט געקאסט $287, איך געב א קוק און איך זע אז דאס איז ממש די סכום וואס איז איבערגעבליבן פון די געלט וואס איך האב אויפגעטוישט יענעם אינדערפרי. האב איך געזען ממש ווי דער אייבערשטער געט פרנסה וויפיל מען דארף, עס פעלט נאר אויס אים צו בעטן און זיך פארלאזן אינגאנצן אויף אים.

אייזיק קאהן

קרית ברסלב

1. איך האב געדארפט גיין צום דאקטער מיט מיינע קינדער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיין ליידיג אן קיין ראיות אסורות, אזוי אויך זאל עס גיין שנעל, אן קיין שוועריקייטן.

איך האב מיר ארויסגעלאזט צום דאקטער מיט מיינע קינדער, איך קום אן אהין, און ווי וואונדערליך ס'איז איז די פלאץ געווען ממש ליידיג, אנדערש ווי געווענליך, אזוי אויך האבן זיי אונז גלייך אויפגענומען, די גאנצע זאך איז געגאנגען זייער געשמירט, א דאנק דעם וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פון פארדעם.

2. איך האב ברוך השם געמופט אין שטעטל קרית ברסלב. בשעת'ן אויספאקן די חפצים, איז פארלוירן געווארן די שטיקלעך פון די שעלווס פאר די ספרים שאנק. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל עס טרעפן, כדי מ'זאל ארויפלייגן אלע שעלווס און דאס אנהייבן ניצן. שכח אייבערשטער מ'האט עס אפיר געטראפן.

לייבי אפפעל

קרית ברסלב

אין שיינעם טאג האט אנגעהויבן באקומען די וואסער פון מיין דירה א געדעכטע ברוינע קאליר, ס'האט ממש אויסגעזען ווי שטיקער מאראסט, וואו הייבט מען אן דאס צו פאררעכטן? געווענליך קען דאס פאסירן ביי א נייע דירה, ווען מ'ניצט די ערשטע מאל די וואסער, אבער איך וואוין שוין אין די דירה אפאר יאר, וואס איז יעצט געשען?

איך האב געטראכט אז די ערשטע זאך גיי איך בעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס "הייליגער באשעפער העלף איז די וואסער זאל צוריק באקומען דעם שיינעם קריסטאל קלארע קאליר, די ברוינקייט זאל אוועקגיין".

שכח אייבערשטער אז ס'איז צוריק געווארן ריינע שיינע וואסער מיט די וואונדערליכע עצה פון תפילה.

הפצה ווינקל

בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

אז דו דארפסט א ישועה - זאלסטו געבן צו דרוקן די הייליגע ספרים "אשר בנחל" און די הייליגע קונטרסים. איך האב פאריגע חודש געגעבן פינף הונדערט דאלער און איך האב געזען א גרויסע ישועה, אויך היינט האב איך נאכאמאל מנדב געווען פינף הונדערט דאלער; איך שפיר זיך נישט אזוי גוט, איך האף דאס וועט זיין פאר מיר א ישועה.

מען זעט אפענע ישועות ווען מען העלפט דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים וואס זענען מגלה און מפרסם דעם אייבערשטן, א שאד צו זוכן סגולות וואס האבן נישט קיין מקור און וואס העלפט נישט - און דארט געבן די געלט, ווען מיר האבן א קלארע הבטחה פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, וואס האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט געבן געלט צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל" וועט זען גרויסע ניסים.

איך האף צום אייבערשטן צו זיין בכח צו געבן מארגן די וועכנטליכע שיעור, איך וועל דיר מארגן מודיע זיין, בעט פאר מיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

ישועות אשר בנחל

היינט וועלן מיר ארויפברענגען נישט קיין אנדערן ווי דער גבאי פון קרן הדפסה אליינס מו"ה לייבי ראטה הי"ו. ר' לייבי פארציילט אונז אז ער האט געטראפן א גאר גוטן דיל פון א בנין וואס ער פלאנט עווענטועל עס צו נוצן פארן קרית ברסלב ספרים געשעפט, דער בנין איז אין א גאר גוטע לאקאציע און פאר א גאר גוטן פרייז. ער האט אבער געהאט איין פראבלעם, "כסף מנלן", אפילו דער פרייז איז געווען רעלאטיוו גוט, רעדט מען אבער פון גאר א גרויסע סכום, וואס ער האט באקומען פונעם בראקער א גאר קורצע צייט וואס ער מוז אויפקומען דערמיט איידער מען קלאוזט, וואס אז נישט פארלירט מען דעם דיעל.

אבער ר' לייבי - דארף מען נישט זאגן - איז גוט באקאנט מיט די הבטחה פון מוהרא"ש זי"ע, ער הערט כסדר פון אינגעלייט וואס רופן אים אן ווען זיי דארף א ישועה און זענען מנדב צו דרוקן אשר בנחל, און דערנאך הערט ער פון זיי געוואלדיגע ישועות, וואס באמת ווייסט ער אסאך מער מעשיות ווי דאס וואס מען איז מפרסם, צוליב וואס זייער אסאך זענען זאכן פון וואס מען קען נישט רעדן, און באמת איז דא נאך אסאך מער וואס נאר דער אויבערשטער ווייסט.

ר' לייבי האט תיכף געגעבן פינף הונדערט דאלער צו דרוקן אשר בנחל, און געבעטן דעם אויבערשטן אז ער דארף א ישועה, ער דארף אויפקומען מיט דעם גרויסן סומע געלט צו קענען קלאוזן אויפן דיל. עס האט זיך גערוקט נענטער דער טאג פונעם קלאוזינג, און - יא, איר האט גוט צוגעטראפן, בדרך לא דרך, האט ער באקומען דעם גאנצן געפאדערטן סכום, און ער האט געקענט שליסן דעם געשעפט בשעה טובה ומצלחת.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

נייעס פון קרן הדפסה

אשר בנחל אידיש חלק א' מהדורת מארקאוויטש

דער ראש ישיבה שליט"א איז אריבערגעקומען אין שטוב פון מו"ה יואל מארקאוויטש הי"ו לכבוד דעם וואס ער האט זיך אונטער גענומען אפצוקויפן די זכות פון די מהדורה פון אשר בנחל אידיש חלק א', דער ראש ישיבה שליט"א האט געחתמ'עט מיט'ן חשוב'ן נדבן א "שטר שותפות", און דער באנד פון אשר בנחל וועט גערופן ווערן "מהדורות מארקאוויטש" לכבודו פונעם נדבן.

אשר בנחל איז א זאמלונג פון די בריוו אויף אידיש געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע. מוהרא"ש זי"ע האט זיך מוסר נפש געווען צו שרייבן די בריוו, וואס זענען פול מיט חיזוק, עצות און הדרכה, און זענען געשריבן פארן היינטיגן שווערן דור מיט זיינע אייגענארטיגע שוועריקייטן און נסיונות ברוחניות ובגשמיות. נאך כמעט פופציג יאר וואס מוהרא"ש זי"ע האט געשריבן בריוו אויף לשון הקודש, האט ער אין די לעצטע יארן, זעענדיג אז עס זענען דא א גרויסע פרישע ציבור מקורבים וואס רעדן נאר אידיש, זיך אראפ געלאזט צו אונז און געשריבן די זעקס בענדער אשר בנחל אויף אידיש.

פאר אונז איז גוט באקאנט די גרויסע סגולה פון מנדב זיין פאר אשר בנחל. מוהרא"ש זי"ע האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט דרוקן אשר בנחל וועט זען א זיכערע ישועה. צווישן אנשי שלומינו איז שטארק באוואוסט פילע מעשיות פון אומגלויבליכע ישועות וואס זענען געקומען נאכן דרוקן א באנד פון אשר בנחל. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז דאס איז ווייל דער אשר בנחל דערנענטערט אידישע קינדער צום אויבערשטן, און דערפאר האט עס אזא כח אין הימל צו מעורר זיין רחמים אויף אידישע קינדער.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים פון דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן ספר זאל מגין זיין פאר מו"ה יואל מארקאוויטש הי"ו און פאר זיין גאנצע משפחה, דער אויבערשטער זאל אים בענטשן מיט אלע ברכות האמורות בתורה.

בילדער פון קרן הדפסה

ביים אינטערשרייבן די שטר הסכם מיט מו"ה יואל מארקאוויטש הי"ו

ביים איבערדרוקן תיקון הכללי פונדאסניי

ביים דרוקן פולצאליגע קונטרסים

אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

מרדכי היימליך קרית ברסלב	**אברהם דוד לאקס** קרית ברסלב	**יצחק אייזיק ראטה** קרית ברסלב
יוסף ברילל ווילימסבורג	**חיים דוד ראזענבערג** מאנסי	**יודא פריינד** קרית ברסלב
יואל מארקאוויטש בארא פארק	**יואל מענדלאוויטש** קרית ברסלב	**שאול חיים איינהארן** סטעטן איילענד
שלום אליהו אינדיג מאנטריאל	**חיים מאיר ערפס** בארא פארק	**יואל ראזענבערג** קרית יואל

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **347.578.4449**

דער שלעגער איז דא

ישראל דוד העסקעל

זייער א אינטערעסאנטע זאך קען מען אויפמערקן ווען מ'גייט צו א חתונה. צוויי מענטשן וואס קענען זיך קוים אויפן גאס, ווען זיי טרעפן זיך אין א גרינע מיטוואך וואלטן זיי זיך לכאורה קיינמאל אפילו נישט באגריסט, אבער אין די לאבי אדער האלוועי פונעם זאל, ביים הפסקה צווישן די ערשטע און צווייטע טאנץ ווערן זיי בעסטע חברים...

מאטי?! נאו ווע!!! וואס זוכסטו דא?? נאא דו קענסט אויך דעם מחותן? דיר האט ער אויך געסטראשעט אז דו "מוווווזזזזזט" קומען און ער מוז דיך זען, און דו, יא ממש דו גייסט מאכן זיין שמחה...

פשש וואס זאגסטו? דער מחותן האט טאקע אזוי פיל געלט ווי ער בלאזט פון זיך? וואס איז די מעשה מיט אים? א מין בעיבי? פיין וואס נאך? ווי אזוי גייט עס? וואס טוסטו היינט?....

אזוי שטופט זיך דורך א שמועס לכבוד'ן זיך צוזאמען טרעפן אין די האלוועי... איך וואלט מיט דיר קיינמאל גערעדט, און דו וואלסט מיט מיר קיינמאל גערעדט, אבער

יעצט אזוי ווערמיר פלוצים פיינע חברים וואס שמועסן ביז מ'לויפט אויס פון פרעגן וואס נאך?...

קום אבער צוריק אין זאל א סעקונדע ווערסטו זען אן אינטערעסאנטע זאך, כאפ דיך מיט מיט א רינג און קום קוק ווערסטו זען אז אזוי ווי מ'גיימיר דורכגיין דעם ריזיגן סטעידש מיט די צוואנציג פיעס בענד, שטייט דארט אינדערמיט 'דער זינגער', אן אפגעפליקטער אפגעריסענער אן א בארד, וואקלט זיך ווי א לולב אויף הושענא רבה, און יעדער דריטער מענטש פרובירט צו כאפן זיין אויפמערקזאמקייט און אים געבן א שאקל מיטן קאפ, ווייל איינמאל צוויי יאר צוריק זענען זיי געווען אויף די זעלבע וואטסעפ גרופ, סאָ ער איז גוט מיט אים, ער קען אים, זיי זענען פיין.

ער האלט זיך נאך גרויס צו מיר, ער בייגט זיין קאפ אויף צוריק און שרייט מיר

אין די אויער אינמיטן טאנצן "כ'בין זייער גוט מיטן זינגער, אונז גיימיר שוין צוריק יאאארן..." פשש איך קוק דיר שטארק ארויף יעצט...

דרייט ער זיך מיטן טעלער פונעם דעזערט שמאוגעסבאורד, ס'רינט אים טשאקאלאד אויפן בארד, און ער באגריסט יעדן דארט אזוי הארציג, אזוי שיין,צו יעדן ער איז אזא זיסער מענטש, נישט נאר מיטן זינגער איז ער אנגעקניפט, ער קען א האלבע שטאט, דרייט זיך ארום מיט א שמייכל פון אויער צו אויער...

ער זעצט זיך ענדליך ביי די זייט, ער ציט ארויס זיין טעלעפאן, און קיינער קען יעצט צו אים נישט רעדן, ס'שמייסט מעסעדזשעס אהין און צוריק, העווי העווי ביזנעס. יעצט אויף די מינוט האט ער גארנישט, אבער אזוי גייט עס, ער בויעט אויף זיין ביזנעס, ס'איז יעצט זייער סטרעספול, אבער געב עס אפאר חדשים אדער יארן... און ס'גייט זיין געהעריג וועקגעשטעלט!

אינדרויסן אויפן וועג צו די קאר זע איך אים ווידער, ער שרייט קולי קלות אויפן פאון, ער זעט מיר נישט אפילו שטיין דארט - "כבין ביזי" שרייט ער..."געדיך אן עצה, גארנישט טוסטו נישט א גאנצן טאג, איך קום נישט יעצט אהיים, האסט פארשטאנען? איך האב ארבעט, יעצט איז סיזען, איך האב נישט קיין צייט יעצט פאר קיין שטותים, אז די קינדער טאנצן ארום, זיי פאלגן נישט, געדיך אן עצה, שלאג זיי אן, פון מיין זייט כאפ א הענגער און געב זיי צו געדענקען!"

איך בין נישט אוועילעבל, איך האב א לעבן, איך מוז ארבעטן, איך האף דו אפרישיעטסט דאס וואס איך ארבעט אזוי שווער, ווייל באלד גייט די ביזנעס זיין געהעריג אויפגעבויט, און נאכדעם... נאכדעם גייט זיין נאכדעם...

אהא הייסט עס אז יעדער נאר וואס איז נאר אמאל געווען אויף א גרופ מיט אים,

אדער אלס קינד פלעגן זיי זיין כמעט שכנים, קוק אים נאר אן ווי שיין ער באגריסט, ער שמייכלט ווי א שיינער איד א נועם לבריות, אזא וואוילער גוטער מענטש, געדענקסט אים נאך ארומשפאצירן מיטן טעלער דעזערט באגריסן יעדן איינעם אזוי שיין און הערצליך, אזוי ווארעם און העפליך...

קוק אים נאר אן ווי אזוי ער רעדט אין שטוב צו זיין ווייב און קינדער, ער שרייט,

ווי א נערוועזער קאץ פירט זיך אויף, ווייל ער בויעט א ביזנעס...

שטעל אים אפ, פרעג אים פאר וועמען בויעסטו דעם ביזנעס? הע? דיין ווייב דארף דיין גאנצע ביזנעס ווי א לאך אין קאפ, אויב מיינט עס אז זי גייט פארלירן איר עזר כנגדה פאר איר לעבן, זי גייט דיר נישט אנקוקן!

פאר דיינע קינדער? וועלכע? די וואס ווייסן נישט ווער דו ביסט, די וואס דו קוקסט נישט אויף זיי זייער גאנץ לעבן? קוק וואס גייט געשען, ס'גייט דיר געלונגען נאך יארן ארבעטן און נאכלויפן די בהמות, נישט זיין קיינמאל אנוועזנד, און ווען דו ביסט שוין יא דא, זיצטו פארטיפט אין דיין טעלעפאן, צום סוף גייט עס דיר געלונגען, דו גייסט איינשלינגען אלע דיינע קאמפעטישנ'ס און דו גייסט זיין דער קעניג פון דיין אינדוסטריע...

אבער נישט אין איין טאג פארשטייט זיך, נאר נאך יארן און יארן נישט קוקן אויף דיין ווייב און קינדער, דעמאלט גייט עס דיר ענדליך געלונגען, דעמאלט גייען דיינע קינדער וואס דו האסט אויף זיי קיינמאל נישט געקוקט, דיר נעמען און דיך אראפלייגן פארנט פונעם טיר פון א מושב זקנים, און זיי גייען איבערנעמען און פירן די ביזנעס. ארגאניזאציעס פון וואוילע מענטשן גייען זיך פארשטעלן ווי קלאונים און זיי וועלן זיין דיינע באזוכער... ווייל דאס איז די חינוך וואס דו האסט געגעבן פאר דיינע קינדער!

עניוועי לאמיר זיך ווייטער מיטכאפן מיט אים, יעצט ווען ער איז נאך ב'גדול'ט ווען ער האט נאך אויף וועמען צו שרייען לאמיר זען וואס טוט ער יעצט...

ער ארבעט טאקע ממש ווי אן אייזל, ער אטעמט נישט, ער שוויצט און קאכט, ער האלט צו יעדער צייט מינימום דריי מענטשן אויף האלד, א טיש באדעקט מיט סטיקי נאוטס, ס'איז גארנישט אזוי פשוט...

איך טראכט צו מיר, איך גיי אים אויסלייזן, מארגן נאכמיטאג נעם איך אים ארויס אין שוויץ, זיך אויסלופטערן פון די סטרעסס, פון זיך גראבן אן אייגענעם קבר...

איך רוף אן דעם שוויץ, איך מאך א בוקינג פאר דריי דרייסיג נאכמיטאג און איך לאז מיר גראד צו זיין אפיס אים סופרייזן.

כ'האב אים נישט צו שווער געדארפט משכנע זיין, א טשיל, א שוויץ, זיך בארואיגן, יא זיכער, איך קען עס גוט ניצן, אוי כאפט ער זיך, ער דארף זיינע וועש, פיין העמיר דורך פארן דיין הויז וועסט עס גיין נעמען.

ער לויפט ארויף די שטיגן צו זיין הויז, די טיר איז פארשפארט, ער האט נישט אויף זיך די שליסל, ער קלאפט שנעל אויפן טיר און שרייט נאאאאא...

די קליינע מיידעלע גייט צום לעכל פון טיר, געבט א קוק ווער קלאפט אזוי... און געבט אזא מין קוויטשע הויך, זי קען נישט צו זיך קומען, זי איז בלאס ווי די וואנט, די מאמע קומט צו לויפן וואס איז געשען?

קוים כאפט זי זיך איר אטעם, און מיט א



ציטערדיגע שטימע זאגט זי פאר איר מאמע "מאמי דער מענטש וואס קומט צו אונז יעדע שבת שלאגן איז דא..."

פחד פחדים! א מענטש לעבט די גאנצע לעבן אין עולם הדמיון, ער פרובירט זיין גאנצע לעבן צו כאפן די עולם הזה, זיך שווין געהעריג סעטלען, א הויז, א זומער הויז, א ביזנעס, א פיר פינף וועקעישאן'ס, און נאכדעם גיי איך לערנען - יא... און נאכדעם גיי איך פארברענגען מיט מיין ווייב און קינדער... אוודאי וואס דען.... און אזוי טרעפט זיך א מענטש אין מושב זקנים אויסגעשפילט פון די וועלט! קיינער קוקט אים נישט אן!

דער ראש ישיבה האט לעצטע וואך דערמאנט דאס וואס דער רבי האט געזאגט אז עולם הזה איז ווי זון שטראלן, א בעיבי ווען ער זעט זון שטראלן פרובירט ער עס צו כאפן, אזא פנים האט עולם הזה. זיבעציג אכציג יאר פרובירט א מענטש עס נאכצולויפן, אפשר וועל איך עס קענען כאפן, און נאכדעם טרעפט מען זיך אויסגעשפילט פון אלעס.

דער ראש ישיבה האט פארציילט שבת

אז אמאל איז א איד אין בני ברק וואס האט זיך געקויפט א טייערע קאר, געגאנגען צו רבי חיים זצ"ל פרעגן אויב זאל ער פארקן די קאר פארנט פון זיין הויז, אדער אפשר זאל ער עס לייגן אויף א זייטיגע געסל אז קיינער זאל אים נישט מקנא זיין...

פרעגט אים רבי חיים "דו לערנסט יעדן טאג א בלאט גמרא?"

"ניין"

"אויב אזוי דארפסטו נישט מורא האבן, דו קענסט פארקן דיין קאר רואיג אין פארנט פון דיין הויז, אויב לערנסטו נישט א דף גמרא יעדן טאג וועט דיר קיינער נישט מקנא זיין!"

שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן, מיר לעבן מיט תכלית, מיר האבן א צדיק וואס דערמאנט אונז אז אינוועסטן, בויען, אוועקלייגן, פאטענציעל, מיינט גיי אהיים פארברענג שיין מיט דיינע קינדער, הער זיי אויס לאז נישט א טאג אדורכגיין אן לימוד התורה!

פיוטשער, א מחי'!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

ש.ל. פליישמאן

שײַנער אין גראמען

ב' קרח תשפ"ד

איין פינטל גוטס – צווישן די שמוץ

אין אביסל גוטס זיי זיך מתבונן,
וועסטו זען וואונדער ממש צום שטוינען.
פארשוואונדן איז דער פריערדיגער רשע,
געווארן א צדיק, א ברי' חדשה...

רבי חיים וואלאזשין זצ"ל טרייסלט פאר אימה,
דער קצב פלאנט נישט צו שחט'ן א בהמה..
צום שחיטה זיין חלף גרייט ער מאכט,
צו פירן דעם "רב" צום שלאכט...

רבי חיים בעהט ער וויל זאגן ווידוי,
און פארטיפט זיך אין איין גוטע נקודה.
נעבעך, דער קצב, פרנסה שווער,
מען קען נישט דיין זיין, א רחמנות ער...

פלוצלונג, זיין חלף, ער לייגט אראפ,
רבי חיים וואלאזשין אטעמט פריי אפ.
דורכ'ן טרעפן איין פינטל גוטס אינעם קצב,
האט זיך איבערגעדרייט לטובה די מצב!

פון דעם האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט,
ווען דיין קינד'ס התנהגות נערווירט און קרענקט.
אויף איין גוטס טו קאנצענטרירן...
וועט זיך טוישן זיין גאנצע אויפפירן...

אויך צווישן מאן און ווייב אין שטוב,
טרעף איין זאך וואס דו האסט אין אים ליב
לאוו דווקא דורך א קאמפלימענט,
נאר אין דיין **טראכטן** איז עס געווענדט!

מאך א תפילה: "באשעפער ביטע,
געב מיר אויגן פאזיטיווע גוטע.
מיר קוקט עס אויס שלעכט און שמוץ,
העלף מיר טרעפן א פינטעלע גוט'ס!"

צו הערן די גאנצע שיעור רופט:
1-212-444-9169-2-3-1-169
(א"י 079-70-400-69)

ל. וועבערמאן

נאכיאגן די

בהמות!

סטיוו האט נישט קיין הויז, נישט קיין חברים. ער האט גארנישט, אפילו צייט האט ער נישט צו קענען אביסל הנאה האבן פון זיין לעבן. איין זון האט ער יא און אויסער דעם האט ער גארנישט חוץ געלט!

יעדן טאג וואס גייט אריבער קומט אים אריין א ערך פון פינף אלפים, ער פאקט אוועק שיך באקסעס פול מיט גראדע הונדערטערס, אבער זיין אייגן לעבן קאסט אים ממש גארנישט.

זיין סדר היום (מען קען נישט וויסן אפשר וועסטו נאך וועלן נאכמאכן און ווערן אן עושר איבערנאכט?)

סטיוו שלאפט איבער די נעכט אין א קליינע טענט וואס זיצט אויף ריזיגע ליידיגע שטחים - בערך א מיליאן עיקער גרויס, יא איר ליינט גוט א 'מיליאן'.

נו ווי אזוי מאכט מען טאקע געלט ווען מען וואוינט אזוי ווייט און אפגעזונדערט פון א לעבעדיגע מענטש?

די ריזיגע שטחים זענען אפילו נישט אין זיין באזיץ, נאר עס באלאנגט צו די שטאט.

וואס טאקע איז שוין דא צו זוכן דארט? וועלכע ביזנעס קען מען שוין מאכן דארט?

לאמיר אייך געבן צו פארשטיין אין קורצן.

די אלע ריזיגע ליידיגע שטחים איז איין איינע פון די שטעט אין אמעריקע - וואס רופט זיך וויאמינג (Wyoming).

Wyoming איז א שטאט וואס האט גרויסע פלאכע לאנד אזוי ווי מדבריות, ווען מען שטייט דארט קען מען זען זייער א וויטע view ווייל עס איז דא ווייניג ביימער און די גאנצע געגנט איז נישט בערגיג, נאר פון דערווייטנס קען מען זען שיינע הויכע בערג, אונטן איז הייס מען קען זיך נישט באשיצן פון די זון, און אויבן אויף די בערג זעט מען שניי, די ערד דארט איז געבענטשט מיט ספעציעלע אויל וואס די שטאט מאכט פון דעם אסאך געלט.

די שטאט ברענגט דארט פעסטע, ריזיגע בולדאוזערס צו גראבן טיפע קוועלער, נאכדעם ברענגען זיי ספעציעלע פאמפס ארויסצופאמפן די אויל, אריין אין די אויל טראקס. וואס בלייבט נאך די גאנצע פראצעדור - איז איין גרויסע באלאגאן, פון די אלע טרעקטערס און סאפיסטיקירטע מאשינען פון גראבן און פאמפן איז יעצט די ערד ארום אינגאנצן רעאנירט

אנשטאט צו רופן א Landscaper וואס וועט שטיין און באארבעטן די ערד, קומט סטיוו אריין אינעם בילד.

סטיוו איז א פאסטוך, ער קען זיך זייער גוט אויס וויאזוי צו פירן זיין סטאדע, אז זיין ריזיגע גרופע פון ניין הונדערט ציגעלער זאלן זיך האלטן צוזאמען און נישט אוועקלויפן.

נאכן איבערלאזן א גאנצע חרוב'דיגע פלאץ פון גראבן אויל קוועלער, דעקט מען עס צו מיט ערד, און סטיוו קומט מיט זיין סטאדע ציגעלער, און די ציגעלער מאכן די גאנצע ארבעט. דער אייבערשטער האט עס אריינגעלייגט אין זייער טבע אז זיי עסן אויף אלע נישט גוטע גראזןס נאכדעם מאכן זיי גראד די ערד מיט זייער פיס און זיי באמיסטיגן די פלאץ עס זאל שיין צוריקוואקסן.

נאך א שטיק צייט ווען די שטח האט שוין צוריק באקומען איר שיינע צורה וועט מר. סטיוו צונעמען זיין געצעלט מיט זיינע ביסל חפצים, ער מאכט זיך גרייט זיך צו רוקן פאראויס צו די קומענדיגע מסעה, ווי ער וועט זיך סטאנציאנירן מיט זיין סטאדע, און דארט צוריק שטעלן די גרויסע שטחים פון ערד.

אין די ריזיגע ליידיגע געגנטער קען זיך אפט דרייען ווילדע חיות, אזויווי ווילדע פערד וואס קומען אויסטרינקען די וואסער וואס ער האט אנגעגרייט פאר די ציגעלער, אדער איז אפילו דא חיות וואס ווילן פארציקן די ציגעלער. סטיוו דארף אפהיטן די ציגעלער פון אזעלכע געשעענישן, פאר דעם צוועק האט ער טרענירטע הונט ספעציעלע צו היטן אויף די ציגעלער פון געשעדיגט ווערן, און אויך אז די ציגעלער זאלן נישט אנטלויפן.

יעדן טאג ווערן געבוירן פרישע בעיבי ציגעלער, די מאמע ציגעלער העלפן זייערע בעיביס מיט זייערע באדערפענישן, ווייל עס איז נישט מעגליך פאר סטיוו זיך צו אפגעבן דערמיט.

אינטערעסאנט צו באמערקן איז, אז אסאך מאל קען די מאמע ציגעלע דערשמעקן אז עס איז עפעס נישט אזוי איי איי איי מיט איר קינד - איר קינד האט א פיזישע פעלער, אין אזא פאל קען מען זען אז די מאמע וועט נישט פילן פאר גענוג וויכטיג איר צו האדעווען און מיטברענגען צו די נעקסטע ציאונג. פונקט אזוי פירט זיך אויף א חי', אויב ער האט נישט קיין ניצן פון די קינד דרייט ער זיך אויס און ווייזט די רוקן.

אונזע אידישע מאמעס זענען פול

מיט רחמנות, מיר וועלן טון פונקט פארקערט, אז מיר זעען איינע פון די קינדער האבן א פראבלעם וועלן מיר גיין ארויס פון וועג - אלעס אפלאזן אבי צו העלפן א קינד וואס מוטשעט זיך מיט א שווערע מידה, טבע, אדער פיזישע פראבלעם.

די מידה וואס מיר מאמעס האבן איז א קליינע חלק פון די מידת הרחמנות פונעם אייבערשטן, יעדע ווייסט ביי זיך אז ער האט געוויסע פראבלעמען וואס ער איז נישט פערפעקט, און דער אייבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות האט צו אונז געדולד, און ער געבט זיך אפ מיט אונז ווי אזוי מיר זענען!

צוריק צו סטיוו...

די ווייב און איינציג זון פון סטיוו העלפן אים ארויס מיטן זיין א פאסטוך, זיי זענען גרויסע מומחים אין זייער מלאכה, און צו נעמען א צווייטן אויף דעם פלאץ אפילו פאר א קורצע צייט, איז כמעט נישט שייך, ווייל קיינער וועט נישט קענען אזוי גוט האלטן די ציגעלעך צוזאמען אז זיי זאלן ווי ווייניגער פארלוירן גיין.

לאמיר זיך יעצט פארשטעלן ווי אזוי די בילד זעט אויס...

סטיוו זיצט אויף די זאמדיגע ערד מיט אן אפגעברענטע פנים פון פארברענגען זייע יארן אונטער די wyoming הייסע זון.

ער איז א פאסטוך - געטריי צו זיין געלט!

ווען ער זאל ווען זיין א פאסטוך מיט די שכל וואס דוד המלך האט געהאט - וואס האט געוואוסט אז אפילו בשעת'ן פאשען די בהמות קען מען רעדן צום אייבערשטן - דאן וואלט געווען א אנדערע בילד אינגאנצן, ער וואלט געווען אן איידעלע פאסטוך, וואס בשעת'ן זיצן אויף די ערד לייכט אים זיין פנים; ווען זיינע מינוטן, טעג, און יארן לעבן, ער איז אנגעפילט.

אדער זאל כאטשיג זיין א פאסטוך מיטן סדר דרך הלימד פון זאגן די ווערטער פון תורה, וואלט ער זיך ממש מחי' געווען, ער וואלט געקוקט שטיקער משניות, גמרא, און אוודאי זיך צוגעקלעבט צום תהלים, אזוי זיצנדיג אונטערן פרייען הימל, טאג איין טאג אויס, אן האבן צו טון מיט מענטשן וואלט ער זיכער אנגעקומען צו ווערן א גרויסע תלמיד חכם.

"נאר וואס דען?"

סטיוו האט אינגאנצן א אנדער מהלך המחשבה, ער ווייסט איין זאך, ער איז פארנומען נאכלויפן זיינע בהמות, אן קיין שיעור און קיין ענדע, אלץ איז נאר צו מאכן נאך פינף דאלער און נאך פינף דאלער, פאר יעדע בהמה איז נאך פינף דאלער א טאג.

עס איז ממש אזוי ווי די מעשה י"א פון סיפורי מעשיות פון "דער בן מלך און בן שפחה", יעדן אינדערפרי ווען דער בן מלך און דער בן שפחה האבן זיך אויפגעוועקט אין וואלד האבן זיי געזען די בהמות און די פערד שטיין נעבן זיי, האבן זיי אנגעהויבן נאכיאגן די בהמות ביז ביינאכט. קומענדיגע צופרי איז עודך, זיי זענען די בהמות ממש נעבן זיי און זיי הייבן אן נאצולויפן.

ביי סטיוו שפילט זיך עס אפ פון זון אויפגאנג ביזן זון אונטערגאנג, יעדן טאג פון וואך, יעדן טאג פון יאר, ער האט א דראנג צו נאכלויפן א דאלער נאך א דאלער, ער לעבט זיך אין זיין כריין און שפירט אז דאס מוז ער טון, ער מוז נאכלויפן בהמות.

דער בן מלך און בן שפחה האבן געהאט א גוטער מזל אז דער אייבערשטער מיט זיין רחמנות האט זיי געשיקט דארט אין טיפן וואלד א צדיק וואס זאל זיי אויפקלערן אז זיי לעבן אין א טעות, און זאגן: "הער שוין אויף נאכיאגן דיינע עוונות; דאס איז גאר קיין בהמות נישט, נאר דיינע עוונות פירן עס דיר אזוי ארום!!!"

ביי אונז אנשי שלומינו האט אויך די מזל גוט געשפילט. דער אייבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות האט אונז געברענגט צו א צדיק וואס זאגט אונז: "גוט מארגן! וועק זיך אויף און זע אז עס איז דיינע דמיונות און חלומות וואס דו מיינסט אז דו מוזט עס נאכלויפן, דיינע אייגענע עבירות וואס שטערן דיר פון די ריינע אמונה, פירן דיר אזוי ארום!!!"

ביי איינעם איז זיין דמיון געלט, ער ווערט משוגע פאר מענטשן וואס האבן געלט, ביי טייערע events וועט זיינע אויגן אויסגיין פון קנאה, wow! עס גיסט זיך פיינע פעטע עסן, ביז ער וועט גיין אין פייער און אין וואסער עס צו קענען נאכמאכן

ביי א צווייטן איז די דמיון, איך וועל צאלן אסאך געלט פאר א געזונטהייט האטליין, ביז איך וועל ווערן אזוי געזונט...

ביי א דריטן איז עס א פרומע דמיון, ווי איך וועל זיך אנשליסן און אלס ווערן פרומער און פרומער מיט זאכן וואס קומט בכלל נישט פון צדיקים און די הייליגע תורה.

ביי אסאך אנדערע קומט דער יצר הרע ארומדרייען מיט דעם מענטש

ער זאל ווערן אריינגעשלעפט אין די טערעפי וועלט - ווי מען ווערט אזוי פארוויקלט אז מען לויפט אלס מער און מער צו די טערעפיסט. ביז מ'פארקויפט זיך אליין און די אייגענע משפחה פאר די טערעפיסט, אזוי ווי דער אמת'ער בן שפחה האט געזען אין וואלד ווי זיין חבר דער אמת'ער בן מלך האט ברויט, פון גרויס הונגער און דרוק איז ער נאכגעלאפן זיין חבר זאל אים געבן עסן, ביז ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט אויף זיין גאנץ לעבן. זעט מען פון דא די נארישקייט וואס דער אמת'ער בן שפחה האט געטון, אנשטאט צו גיין אויפזוכן דער צדיק אין וואלד וואס געבט ברויט צום לעבן - דער צדיק בעט נישט באצאלט ווייל דאס איז זיין גאנצע שטרעבן דו זאלסט באקומען לעבן - אנשטאט דעם פארקויפט ער זיך אינגאנצן.

פארציילט א טייערע אידישע נשמה, אז איר מאן איז אנגעקומען צו א געלערנטער טערעפיסט אביסל צו פארבעסערן די שלום בית, פון גרויס אונטערטעניגקייט צום טערעסיט וואס 'גייט העלפן' וועט ער אפילו אפהאקן מיט איר פאר א שטיק צייט און/אדער מיט זיינע עלטערן ל"ע (א ביטער געלעכטער), פון א שטוב וואס מען האט געדארפט אביסל פארבעסערן איז געווארן אויס שטוב, און עס איז ליידער נישטא קיין שטוב וואס מען זאל קענען פארבעסערן. פארשטייט זיך אז זיין פארמעגן איז געווארן אויסגעזעקלט אריין אין טאש פון זיין פארפירער, געבליבן א בעל חוב אן קיין שטוב, די גרעסטע חידוש איז נאך אז דער אינגערמאן לויפט אלס מער נאך זיין חרוב מאכער.

אין אמת'ן אז א מענטש הייבט אן שפירן גאר שטארק זיין קלעם, דארף ער אלס מער אנטלויפן צום אייבערשטן און נישט ח"ו זיך אונטערטעניגן פאר א חבר, און פארקויפן זיין אייגענע פריוואטע לעבן, גיי צו דיין חבר ווילאנג ער איז די מחזק צו גיין צו א צדיק, און וועלכע צדיק דארף א מענטש האבן? א צדיק וואס געבט דיר גלייך ברויט אין האנט און ער וועט דיר מאכן עפענען דיין מויל צום אייבערשטן!

~ ~ ~

לאמיר יעצט אביסל פארקירעווען די טעמא, א בליק אריין וואס טוט זיך אונטער די טיר פון א ווייבעלע וואס לעבט זיך רואיג מיט אירע קינדערלעך. "וואס קען זי ארויסנעמען פון אזא מעשה ווי סטיוו דער פאסטוך?"

א מאמע פון קינדערליך,
עס איז ממש וואונדערליך.
ווי זי נעמט גשמיות'דיגע פליכטן,
און צו העכער'ס טוט עס ריכטן.

מיט'ן כח הדיבור,
דרייט זי אלעס איבער.
אז זי קויפט איין פארן סעזאן קליידעלעך
וועט זי מיט די מויל בעטן פאר צניעות'דיגע מיידלעך.

די איינגלעך צו חדר מאכן גרייט,
אפילו ווען פאר יעדע קלייניגקייט ער שרייט.
די בעיבי וויינט נאר מער און מער,
"אוי! באשעפער ס'זאל מיר נישט זיין שווער".

בשעת זי פיטערט די קליינע,
"באשעפער איך וויל קינדער פיינע".

און אז זי טוט באקן און קאכן,
די הויז איז פול מיט גוטע גערוכן.
וועט די ווייבעלע געדענקען אפילו,
צו ניצן די געווירצן פון תפילה.
און ווען זי טוט וועש צאמלייגן,
אדער פארנומען רוימען און בייגן.
וועט זי דערווייל בעטן וואס זי וויל,
"באשעפער געב מיר א גוטע געפיל".

יעצט לאמיר די חשבון מאכן,
ווער וועט צום סוף לאכן.
אן עושר ווי סטיוו ווילסטו דען זיין?
וואס זיין גאנצע כח לייגט ער אריין.

אין אן ארבעט וואס וועט סוף ימיו גיין לטמיון,
און וועט זיך אויסלאזן ווי איין גרויסער דמיון?
אן ארבעט אן קיין ציל,
נישט דאס וואס א איד וויל.

נאר זיבן און פאשען הייליגע שעפעלעך,
פונקט ווי אונזער פאסטוך דוד המלך.
וואס זיין מויל האט זיך געטון באוועגן,
ווילאנג ער פלעגט וואנדערן אויף די וועגן

נישט קיין חילוק וואס א מענטש טוט,
קען ער זיין צייט נוצן גוט.
דער אייבערשטער האט טאקע געזאגט אז דוד איז פאסיג,
ווייל ווי אזוי צו פירן די אידן איז ער משיג.
אבער לויב ווערטער צום אייבערשטן האט נישט אויסגעהערט,
ביים פירן די אידן אלס קעניג האט זיך תפילות נאר פארמערט.

"באשעפער עפן מיר מיין מויל".

מעשיות פון תפילה

ח. ל. פיש
קרית ברסלב

איך האב פארלוירן גאר א וויכטיגע דאקומענט, וויפיל איך האב געזוכט האב איך עס נישט געקענט טרעפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס ווי אמשנעלסטן קענען טרעפן, עס איז מיר זייער א וויכטיגע דאקומענט, אויך ביי די שבת לעכט האב איך ווייטער געבעטן אויף דעם. איך האב געזאגט פארן אייבערשטן אז אויב איך וועל עס טרעפן פאר די סעודה, וועל איך איבערלאזן די מעשה פון תפילה אינעם קרית ברסלב בלעטל.

שכח אייבערשטער אז ממש פאר קידוש האב איך עס געטראפן.

פ. ניישטיין
קרית ברסלב

איך האב געוואלט קאכן א פיינע זופ, די טאפ איז געליגן צוזאמען מיט אן אנדערן טאפ, יעדע מאל איך זע די טאפ פרוביר איך דאס צו צוטיילן, אבער ס'גייט נישט. זיי זענען טאקע באחדות, אבער ס'איז נישט קיין געזונטע פריינדשאפט, יעדע מאל ניץ איך צום סוף אן אנדערן טאפ. יעצט האב איך דווקא יא געוואלט ניצן די סייז טאפ, איז וואס טוט מען דא?

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אפטיילן, אויך האב איך געגעבן צדקה אין פושקע, און וואונדער איבער וואונדער ס'האט זיך אפגעטיילט, און איך האב געקענט ניצן די טאפ פאר די זופ.

ב. אייזנער
קרית ברסלב

ווען איך בין געווען א מיידל אין בית פיגא היי סקול, פלעג איך זיך צוהערן צו די שיינע שיעורים פון מרת לעסער תחי' זיך אויסלערענדיג וויאזוי צו פירן די שטוב געזונט נאך די חתונה, די פליכטן וואס א פרוי האט פארן מאן און אזוי ווייטער.

איך פלעג טראכטן אז איך פון די פרויען וואס האבן נישט ליב צו טון די שטוב ארבעט, יעדע מאל ביים הערן אזא שיעור האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם אז איך זאל יא קענען טון נאך די חתונה די סארט ארבעט, און דאס וועלן טון מיט הנאה און געשמאק.

יעצט א שטיק צייט נאך די חתונה, זע איך אז איך ווארט שוין די הויז זאל ווערן שטיל, כדי צו קענען מאכן ריין די הויז, און בשעת איך טו עס האב איך הנאה יעדע מינוט דאס צו טון.

שכח אייבערשטער.

845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

אייסעס פון פרוכט

ערצייגט דורך
מ. ה. מינצבערג

פראדוקטן:

300 גרם סטראבערי״ס / מענגאו / קיווי. אדער וועלכע פרוכט מען וויל.

1/4 גלאז אויל

2 אייער

1/2 גלעזער צוקער

אנווייזונגען:

צומאלן יעדע פרוכט עקסטער מיט די פראדוקטן (אויב מ׳וויל נישט ניצן אייער קען מען עס ארײנלייגן אין הייסע וואסער פאר אפאר מינוט ווערט עס Pasteurized)

גיס עס אריין אין א בעקעלע מיט א פארעם פון א אייסעס, און פארפריר עס. אדער שפרייט מען עס אויס אין א בעקעלע און מען פארפרירט עס צווישן איין קאליר און צווייטן, אזוי באקומט מען אייסעס אין דריי קאלירן.

ספר המדות:
די כח
פון תורה

**טרעף
די ווערטער:**
וואס איז די
וויכטיסטע בלאט?

קינדער בלעטל

שרייב טישל:

מאך א ברכה!

קינדער דערציילן

מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

איך בין געגאנגען הפצה מיט מיין טאטע, מיין טאטע האט געזאגט אויב מ'וועט גיין שיין הפצה וועט מען גיין נאכדעם שווימען. נאכן גיין הפצה, אויפן וועג צום פול האט אנגעהויבן רעגענען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל סטאפן רעגענען, און אזוי האט טאקע פאסירט.

אבער מיר האבן געטראכט אז קען זיין ס'איז אפגעשפארט, ווייל ס'האט אנגעהויבן פריער רעגענען, האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין אפענען, שכח אייבערשטער ס'איז געווען אפען.

שמואל הירנבוים קרית ברסלב

1. איין שטיקל פון מיין געים האט זיך פארלוירן, איך האב עס נישט געקענט טרעפן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל עס טרעפן, שכח אייבערשטער מיין שוועסטער מלכה האט עס געטראפן.

2. אויפן באס האט מען געטיילט פאקסיס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די דרייווער זאל מיר געבן צוויי פאקסיס, איינס פאר מיר און איינס פאר מיין שוועסטער, שכח אייבערשטער ער האט מיר געגעבן צוויי פאקסיס.

נחמן נתן רוטה, קרית ברסלב

די טיר אין מיין כיתה איז געווארן צובראכן, מ'האט נישט געקענט אריינגיין אדער ארויסגיין, איך האב מיך געכאפט אז איך קען בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל עס פיקסן.

אזוי האב איך טאקע געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף מ'זאל פיקסן די טיר, און אזוי וועט מען קענען אריינגיין אין די כיתה".

שכח אייבערשטער אז ס'איז געווארן געפיקסט גלייך נאכדעם, און מ'האט געקענט אריינגיין אין קלאס לערנען די הייליגע תורה.

יצחק הארוויץ, לונדון

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א נייע פאספארט. איין טאג האט מיר מיין מאמע געזאגט אז מ'גייט היינט מאכן א פאספארט, מ'איז אנגעקומען צו די פאספארט אפיס איז די ארבעטער נישט דארט געווען.

איז מען געגאנגען צו א אנדערע פאספארט אפיס, אויפן וועג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז דארט זאל מען עס י קענען מאכן. שכח אייבערשטער אז דארט האט מען עס י געקענט מאכן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל שוין אנקומען, שכח אייבערשטער ס'איז שוין אנגעקומען.

נחמן נתן וויינבערג, קרית ברסלב

גצמאלן

א מעשה פון תפלה

אײבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף מַײן
מַאמֶע זָאל
גֶעבּוֹירְן אַ
בֶּעיבִּי

קִינְדֶער! עֶנְק
ווִילְן הֶערְן
גוּטֶע נַײעֶס?

שְׁכּ֗חַ
אײבֶּערְשְׁטֶער
אַ נַײעֶ מֵיידְל
בֶּעיבִּי

געמאלן דורך:
אילה לעווינגער תחי'
בית פיגא ירושלים



אִיךְ בִּין
אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען
שְׁפֶּעט

אײבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
קֶענֶען כַאפְּן דִי
בָּאס

שְׁכּ֗חַ
אײבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ הָאבּ
גֶעכַאפְּט דִי
בָּאס

געמאלן דורך:
שיינא חי' בלום תחי'
בית פיגא ירושלים

שיקט אריין אייער מאלעריי"ז:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

מעשה'לעך פאר קינדערלעך

בַּיים צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר פְלֶעגְט גֵיין אַלֵיינְס צוּם קֵבֶר פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זַיין אַ צַדִּיק

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַייז קַאלְט אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֵייט אִין מִקְוֶה. וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט נַאסֶע פֵּיאוֹת הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיין הָאר, עֶר מַאכְט שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמְ'עֶן אַז דֶער קְלֵיינֶער אִינְגְל נַחְמָן גֵייט אִין אַ אַייז קַאלְטֶע מִקְוֶה אִינְמִיטְן וִוינְטֶער

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיים צִיוּן פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט דָארְט גֶעזָאגְט תְּהִילִים אוּן גֶעוֵויינְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער אַז מִיר וֶועלְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים

לָאמִיר יֶעצְט זִינְגֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע זִיסֶער; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - טַאטֶע זִיסֶער; אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק - אִיךְ וִויל זַיין דָבוּק צוּ דִיר בְּתַכְלִית הַשְׁלֵמוּת; אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק - אִיךְ וִויל זַיין דָבוּק צוּ דִיר בְּתַכְלִית הַשְׁלֵמוּת"

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק

דעם

רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?



ענטפער פון פאריגע וואך:

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז א ברסלב'ער חסיד דארף לערנען הלכה יעדן טאג.

ברסלב'ע חידות

דער הייליגער רבי שרייבט אין ספר המידות: אז מען זינגט צום אייבערשטן שירות ותשבחות פארטאגס איז דאס מסוגל פאר

א. קינדער
ב. שמחה
ג. שלום בית
ד. נאך סגילות

ענטפער פון פאריגע וואך:

מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט געבן געלט צו דרוקן די ספרים "אשר בנחל" וועט זען גרויסע ישועות!

גייט אריין אינעם גורל

שיקט אריין די ענטפערס צו: 845.379.1161

און גייט אריין נאכאמאל אין גורל!

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

יא. עַל יְדֵי הַלִּימוּד, נִשְׁבָּרִים כָּל הַכְּפִירוֹת.

דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע כְּפִירוֹת, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שרייב טישל

טרעף די וועג

געדענק צו מאכן א ברכה!



טרעף די ווערטער

מ	י	י	נ	מ	א	ו	י	פ	נ
ז	ס	ע	ל	א	ע	ו	ת	מ	י
ו	א	ד	ד	נ	צ	נ	ל	ז	י
ו	א	כ	ג	י	ב	ג	י	כ	ז
י	ד	ז	ק	פ	ו	נ	ט	י	ק
כ	צ	ע	י	ז	ת	ר	ר	ל	ז
ט	ה	ו	י	א	ע	ד	י	י	פ
י	א	א	ק	ק	ה	י	א	י	ו
ג	פ	ח	ר	א	נ	ר	ו	ר	נ
ס	נ	א	מ	י	ב	י	נ	פ	פ
ט	פ	ו	ק	ע	נ	ש	ד	ס	פ
ע	ט	י	ט	ה	י	מ	א	ר	ר
ה	י	צ	ו	ת	ש	ח	ד	ז	ה
ט	ו	ו	ע	ל	ט	ה	ע	י	נ
ק	ג	ז	צ	מ	ק	ו	ר	י	ק
ל	מ	ד	י	ת	ק	י	פ	נ	ד
ז	י	פ	ד	ז	ש	ו	א	ע	ו
ש	ד	כ	י	ל	י	י	ר	פ	ש
כ	ה	א	ע	ס	ז	ח	א	ש	ה

ארבעט אויף די מידה פון זיין פריילין; מיין נישט עס איז א קלייניקייט, זיין פריילין איז די וויכטיגסטע זאך. שמחה איז דער מקור פון קדושה, און פארקערט, עצבות - איז די מקור הטומאה. דערפאר דארף מען טון אלעס אויף די וועלט צו זיין פריילין.

(עצתו אמונה כהעלותך תשפ"ב)

קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

חוי ברוין

צפורה בירנבוים

יודי כץ, אליעזר שלמה
און יחזקאל לעסער

הינדי יאקאבאוויטש

אליעזר שלמה און חיים בוים

יוסף רוטה

משפחת רוטה און משפחת פיש

פיגא יאקאבאוויטש


חני אפפעל

דער אוצר אויפן באן 6

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

אין קורצן פון פריער: מוהרא"ש זי"ע זוכט אין אפאר ספרים געשעפטן נאך בענדער פון ליקוטי הלכות, ביז ער טרעפט נאך איינס און נאך איינס.



פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

בס"ד

פרייליכע נייעס

פאר די בלעטל קינדער

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף טוען מיר מעלדן איבער א נייע מעכטיגע "גורל פראגראם" פאר אלע קינדער וואס וועלן אריינשיקן:

1. די ענטפער פון די חידה
2. די שיחה פונעם בילד
3. די צען חילוקים
4. דערציילט א מעשה פון תפילה
5. געמאלן א מעשה פון תפילה

פאר יעדע ענטפער גייט מען נאכאמאל אריין אין גורל.

די גורל וועט אי"ה פארקומען לייוו אויפן טעלעפאון יעדן ראש חודש.

די גורל וועט זיין אי"ה אויף $20 גיפט סערטיפיקעט ביי א טוי סטאר.

געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

החתונה פון בת מו"ה יואל גאלדבערגער הי"ו
א' הקת תשפ"ד

דער דיין שליט"א ביים איבערקוקן די מזוזות
אין לעמינעיד גראסערי

קביעת מזוזה דורכן דיין שליט"א ביי לעמינעיד גראסערי

קרעדיט: שמעון פיש

מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו פאנדרעיזער פאר די מוסדות אין ארץ ישראל באזוכט אין תלמוד תורה ירושלים

פרישע משפחות ציען זיך אריין אין קרית ברסלב אויף די ירושלים גאס

א פרישטאג צאמקום אהערגעשטעלט פאר די חשובע באזאר וואלונטירן

אנ"ש ביים גיין הפצה

קרעדיט: יוסי פרערויא

אנ"ש ביים איינקויפן לכבוד שבת

קרעדיט: יוסי פרערויא

א טאג אין מחנה אילן החיים

קרעדיט: יוסי פרערויא און שמעון פיש

שיעורים כסדרן אין מחנה אילן החיים

קרעדיט: יוסי פררויא

נייע שיעור אין ספר ליקוטי מוהר"ן פאר די בחורים אין מחנה אילן החיים - ג' חקת תשפ"ד

קרעדיט: יוסי פררויא

א שיעור אין היכל אברהם הערש

קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט"א טאנצט מיט החתן שלמה בריסק ני"ו וועליכע פארט קיין ארץ ישראל צו זיין חתונה קומענדיגע וואך בשעטו"מ

א גאנץ יאר
נעמט מען

איינמאל א יאר
געבט מען

זונטאג
מטות-מסעי

פרטים יבואו

*sruliHeskel

דער עולם איז פייער

ס׳גייט זיין נעקסט לעוועל

זונטאג
מטות-מסעי

*sruliHeskel